פֿיר־ע טאַבעלע פֿון דער 23. מל־וכה־לאַטעריע זעה 12. זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פּרייז 30 גראָשען | היינט 16 זייטען

נייער פאָלקסבלאַט

№ 189 | Łódź, Piątek 14 sierpnia 1931 r. | ניינטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג א׳ אלול תרצ״א | № 189

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

בעקאַנטמאַכונג

די איבעראַל־בעוואוסטע מאָדע־ און קאַמגאַרן־פאַבריק

A. RUBIN, FABRYKA SUKNA BIELSKO

מאַכט בעקאַנט, דאס זי האט אייגענע פיליעס אין וואַרשאַ און אין לאדז ערעפענט און עמפּפעהלט איהרע נייעסטע פאַבריקס־אויסאַרבייטונגען צו פאַבריקס־פרייזען

A. RUBIN, FABRYKA SUKNA BIELSKO

ODDZIAŁY:

Łódź, Piotrkowska 21 | Warszawa, Gęsia 1

front 1 piętro, tel. 240-03 | front, tel. 278-62

צו די חשוב׳ע לעזער!

אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ גאַנצער רייה מעכנישע רעפאָרמען און פּערסאָנעלע ענדערונגען אין דעם רעדאַקציאָנעלען צוזאַמענשטעל פון

„נייעם פאָלקסבלאַט“

איז אויך צוגעצויגען געוואָרען אַלס שטענדיגער מיטאַרבייטער פון אונזער צייטונג, דער בעקאַנטער און בעליבטער לאָדזער פעליעטאָניסט

י. אבערזשאַנעק (אב—נעק)

וועלכענס פעליעטאָנען איהר וועט פון זונטאַג אָן לייענען אין דעם

„נייעם פאָלקסבלאַט“

אַכטונג! אַכטונג!

מיר מאַכען בעקאַנט, אַז אונזער

פּענסיאָנאַט

איז גלאַוונא, נאַווא־אַטוואַצק

וועט זיין טעטיג איבער ראש־השנה, סוכות הבע״ל מיט אכטונג

פּשיגורסקי און ווינער

(פּענסיאָנאַט־אינהאַבער)

גלאַוונאַ, נאַוואַ־אַטוואַצק, פּאָסט־קעסטעל 58.

פאַר מאַגנליידענדע

ראַבאַרבער־וויין, פּעפּסין־וויין

אין פּרימאַ קוואַליטעט

צו בעקומען אין דער ווייןהאַנדלונג פון

E. SZYKIER

Północna 1, tel. 107-84

מאַשין־מצות

ווערט געבאַקען אַלע טאָג פרישע און דינע ווי אויך מצה־מעהל. אייער־פערפעל אין סובאַרקעס לויט קאַרלסבאַדער סיסטעם

מיר עמפּפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט־בעקאַנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראַל בעוואוסטער צוקערביע

ב. ווייבערג

38 פּיעטריקאָווער 38

:-: טעלעפאָן 143-82. :-:

אכטונג! עס ווערען אויך ארויסגעגעבען

פריהשטיקען, אווענד־ברויטען

ווי אויך יאַרסקע מיטאַגען

ד״ר ראַבינאָו

פּאַדעמביע

גראַנד־פּענסיאָנאַט

געהמט אָן א גאַנצען טאָג.

פּענסיאָנאַט

פאַר קינדער

אין קאַלי

(צוציפאָהרען פון באַלוטער פּלאַץ מיט׳ן אַלעקסאַנדער טראַמוויי) אין אַ הערליכער טרוקענער געגענד אין דער ווילע פון ה׳ גאָלדבערג, זאָרגפעלטיגע אויפזיכט. קינדער ווערען אָנגענומען פון 5 יאָהר. אינפאָרמאַציעס אויפ׳ן אָרט אין דער ווילע פון ה׳ גאָלדבערג

בעמערקונג: פון 1־טען ווערזשעשען אָן ווערען אָנגענומען גרויסע פערזאָנען ביז איבער אלע יו״ט.

DR. MED.

L. Pikielny

אוראָלאָג

ספּעציאַל־אַרצט פאַר נירן, בלאָז און אורין־קראַנקה.

NAWROT 8, tel. 2,19-90

נעהמט אָן פון 4—7 אָווענר.

צו אלע קירזשנער־מייסטער

און צו דער גאַנצער עפענטליכקייט אין לאדז!

לויט אַ בעשלוס פון דער פערוואַלטונג פון פעראייניגטען קירזשנער־צעך אין לאָדז איז אויף דער זיצונג פון 13. אויגוסט ד. י. בעשלאָסען געוואָרען פאַר נישט טאַקטישער ברוטאַלער ארויסטרעטונג פון ה׳ ישראל באמבעל אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון 4. אויגוסט ד.י. אויסצושליסען איהם פון אויבענדערמאָהנטען צעך, און די ה״ה גייסט משה און שנורמאַן מרדכי ווערען פאַר זייער נישט טאַקטישע אויפפיהרונג אויסגעשלאָסען ביז צו דער יעהרליכער אלגעמיינער פערזאַמלונג.

די פערוואַלטונג

פון פעראייניגטע קירזשנער־צעך

אין לאדז, זאַוואַדזקאַ 4.

4389

דאַנקזאַגונג!

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען דאַנק דעם הויזבעזיצער

ר׳ שמואל ציגלער

פון וואָלטשאַנסקאַ 43, פאַר זיין שפּענדע דאָס דירה־געלד פון בית־הכנסת ביי דער וואָלטשאַנסקאַ 43 לטובת דעם ניי־געגרינדעטען פעראיין גמילת חסדים מיט דרך ארץ

די פערוואַלטונג און די גבאים

פון בית־הכנסת ביי דער וואָלטשאַנסקאַ 43

UWAGA!!!

Niniejszem komunikujemy, iż przedstawicielem naszych wyrobów został

p. MICHAŁ SZEPS, Łowicz

który jest upoważniony do przyjmowania wszelkiego rodzaju zamówień

Bykowina, Fabryka Porcelany

אכטונג, סוחרים!

דערמיט מאַך איך בעקאַנט, אַז איך האָב איבערגענומען די פאָרטרעטונג פון דער ביקאָווינער פאָרצעלאַן־פאַבריק און בעט אַלע פּראַינטערעסירטע זיך צו ווענדען מיט זעמטליכע בעשטעלונגען דירעקט צו מ״ר. מיט אכטונג

MICHAŁ SZEPS, Łowicz

בעמערקונג: טיכטיגע רייזענדע ווערען געזוכט.

אלע דאַמען־מאַגאַזין־שניידער־מייסטער אין לאדז

אכטונג מיטגלידער און נישט מיטגלידער. אכטונג

ווען פון אייך עס שטיקען די יעצטיגע ארבייטס־בעדינגונגען. ווער עס וויל לעבען מענשליך און האָבען צו עסען פון דער ארבייט, ווער עס וויל נישט בעהאַנדעלט ווערען ווי קיין בעטלער, דער זאָל קומען מאָנטאַג דעם 17־טען סעפּטעמבער, 7 אַ זייגער אָווענד צו דער

פערזאַמלונג

אין לאָקאַל וואָסכאָדניאַ 43 ווי מיר וועלען זיך אדורכרעדען וועגען אונזערע צרות און בעשליסען, וואָס מיר קענען טוען.

די פעראייניגונגס־קאָמיסיע פון דאַמען־מאַגאַזין־שניידער־מייסטער אין לאדז.

ייִן כשר

אויב איהר האט נאך נישט געטרונקען דעם בּפוואוסטען ראָזינקען-

ווייַן „פּראגרעס" № 7

דאן איבערצייגט אייך, אז איהר בערויבּט אייך און אייער פאמיליע הנאה צו האָבען פון גוטען ווייַן, וואָס קאָסט זעהר ביליג.

צוליב רעקלאמע פערקויפען מיר א פלאַש פון א ¼ ליטער גוטען ראָזינגען

ווייַן נ' 7 באר 65 גראשען

א באַטשינקע דעם זעלבען גוטער **1.50 זל.** ● **א קווארט 2 זל.**

אַלע סאָרטען ווייַנען פון דער פירמע „פּראגרעס" איז צובּעקומען

ביי ח. בלאַנקעט, גלובנא 69 און ווייַן-געשעפט.

לעדיגע פלאַשען צאָהלען מיר 5 גר. פאַר ¼ ליטערדיגע, צו 10 גר. פאַר באַטשינקעס און קווארטען. רום א כשונג.

ווייַן= און מעהד=פאבריק פירמע „פּראגרעס"

אלטער מארק 2, טעל. 184-82

קוראַטאריום פון די

בית-יעקב-שולען

— אין לאדז — שרודמיעסקא 32 (פריהער צעגעלניאנא3)

דאָס קוראַטאָריום פון די בית יעקב-שולען אין לאָדז מאַכט בעקאַנט, אז פון נייען לערן-יאָהר אָן ווערט געעפענט איג'ם שול-לאָקאַל (שרודמיעסקא 32) טעל. 170 28

א העכערע לערן=אנשטאלט

מיט א רייך לערן-פּראָגראַם פון יודישע און וועלטליכע לימודים, פאַר די קינדער, וואָס האָבען געענדיגט די 7-קלאַסיגע עלעמענ-טאַר-שול פון בית יעקב און ווילען זיך ווייטער פערפולקאָמען אין יודישער און וועלטליכער בילדונג.

עס ווערען — אויך געעפענט **האנדעלס=קורסן**

מיט א פולשטענדיג לערן-פּראָגראַם פון א האַנדעלס-שול, וואָס וועט אַרומנעהמען אַלע לימודים פון דער האנדעלס-ווייסענשאַפט.

גלייכצייטיג זענען מיר מודיע, אז אין דער פרעבעל-שול און אין די פּאַרמיטאַג- און נאָכמיטאָג-שולען און אויך אויף די אָווענד-קורסען, זענען נאָך פערבליבען א בּעגרעניצטע צאָהל פלעצער.

די איינשרייבונגען האָבען זיך אָנגעהויבען און קומען פאַר יעדען טאָג פון 10 ביז 2 נאָכמיטאָג און פון 5 ביז 7 אָווענד, אין דער שול-קאַנצעלאַריע

„בית יעקב" איז די איינציגע רעליגיעזע מיידעל=שולע, וואָס שטעהט אונטער דער השגחה פון „אגודת ישראל".

דאס קוראטאריום פון די בית=יעקב=שולען אין לאדז.

בעקאנטמאכונג

אויף דער נייער גאס **NAD ŁÓDKĄ** (נעבען דער אַלטער האַלע) ווערט געמייערט א נייער

פאסאזש פון געוועלבער

פאַר הורט=האנדעל

רעפלעקטאַנטען קענען זיך מעלדען אין קאַנטאָר פון

דאבראביצקי, נאוואמיעסקא 19.

לאמבארד ליציטאציע

Warszawskie Akcyjne Towarzystwo Pożyczkowe na zastaw Ruchomości

Oddział w Łodzi, ul. Zachodnia 31

מאַכט בעקאַנט, אז דעם 24, 25 און 26 אויגוסט 1931 און ווייטערע טעג וועלען פערקויפט ווערען דורך א **ליציטאציע** די נישט צו דער צייט פּראָלאָנגירטע משכּנות. די פּראָצענטער מוזען איינגעצאָהלט ווערען פאַר'ן 20. אויגוסט 1931, ווייל נאָך דעם טערמין וועלען די משכּנות-בעזיצער צו-צאָהלען די קאָסטען פון דער מלוכה-פּראָבּעריי פאַר אדורכפיהרען די פּראָבּעס און פאַר די אָנאָנסען. דער אויסציג פון די נומערן פון די משכּנות, וואָס אונטערליגען דעם פערקויף, וועט פערעפענטליכט ווערען אין „קוריער לודזקי" און וועט אויסגעהאָנגען ווערען אין ביוראָ, זאַכאָדניאַ 31. 4335

אלע זענען צופרידען,

וואָס פאָטאָגראַפירען זיך אין דעם בּעוו.

פאָטאָגראַפישען אַטעליר

„POLONJA"

ŚW. JERZEGO Nr. 11.

צום איצטיגען סעזאָן האָב איך רעדוצירט די פרייזען.

4 מעטריקול=פאָטאָגראַפיעס פון **1.25** זל.

6 פאָטאָגראַפיעס צום פּאַס, שעהן רעטושירט פון **2.50** אָן

6 פאָטאָקאַרטען מיט א גרויס פּאָרטרעט פון **4.—** אָן

ווער עס בעשטעלט 6 ברוינע פאָטאָגראַפיעס, בעקומט א שפיגעלע מיט זיין אייגענער פאָטאָגראַפיע.

בעמערקונג: צו די אויפנאַהמען ווערען צוגעגעבען ספּעציעלע קאָסטיומען אומזיסט.

מיט אַכטונג

„POLONJA"

דיפּלאָם. פאָטאָגראַף

אינהאַבער: **גוטערמאַן**

צופאָהר מיט טראַמוואַי נומ' 8.

לאָדז, יעזשוסקא 11.

Ukochanej siostrze

p. **SALI**

z intencji Jej zaręczyn

z p. **Beńkiem WAJCMANEM**

serdeczne życzenia składa

Lolka Klajnerówna

Z intencji zaręczyn

p. **SALI KLAJNERÓWNY**

z p. **Beńkiem WAJCMANEM**

życzy wiele szczęścia

Heniek Szlezyngier

Z intencji zaręczyn

p. **SALI KLAJNERÓWNY**

z p. **Beńkiem WAJCMANEM**

życzą różowej przyszłości

Heniek Igelberg

Heniek Grundman

צו דער פערלאָבונג פון פרל'

סאַלאַ קליינער

מיט ה' **בעניעק ווייצמאַן**

גראַטולירען מיר הערצליך און ווינשען א גליקליכע צוקונפט.

סאַלאַ און עליאַש פעלדאַן

צו דער פערלאָבונג פון פרל.

מיניא נאוואמיעסקא

(לאָדז)

מיט ה' **איזאַק פּיערניקארוש**

(פּאַביאַניץ)

גראַטולירען הערצליך און ווינשען פיל גליק. די פירמע

ב. בלומענפעלד און אנגעשטעלטע

מזל-טוב! צו דער חתונה פון אונ-זער ליבען פריינד

העניעק געלדמאַן

מיט פרל. **זאשא שפיגעל**

ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.

מיכאַל אַפּעלבוים און כלה

אברהם יצחק גרינבערט

סענדער האַדיס

ראטעוועט די האר!

זאָרגזאַמע געגענצליכע ליסע-קעפּ, קענען צוריק בעקומען א שעהנעם וואוקס פון די האָר, בענוצענדיג **BALSAM** צו האָר-וואַקסען, וואָס פערהיט געגען אויספאַלען, פערניכטען שופּען, בעזייטיגט דאָס בייסען פון קאָפּ און ווירקט צום לעבען די אָפּ-געשטאָרבענע וואָרצלען פון די האָר. פרייז פון א פלאַקאָן 3 זל. צו בעקומען אין סקלאַד-אַפּטעקען.

H. HERMALIN. Piotrkowska 11.

זומער-שפּרענקלעך

געלע פלעקער, אָפּגעבּרענטקייט, בלעטערלעך, לישאַ-יעס, וואָנגרעס און אַנדערע פערשידענע אונרייניקייטען פון געזיכט, בעזייטיגט אין משך פון עטליכע טעג אונטער גאַראַנטיע פאַר די ווירקונג דער קרעם **„ADA"** פרייז פון א סלאָיק 2 זל. צו בעקומען אין אַפּטייקען, סקלאַד-אַפּטעקען און פּערפומעריעס

אלע, פראנקרייך, בעלגיען

וואָס האָבען ברעה צופאָהרען נאָך

א. אז. וו. בעקומען גענויע אינפאָרמאַציעס וועגען הכנסה-פּעסער, וויזעס, פאָרמאַליטעטען, רייזע-הוצאות א.אז.וו.

ארגוס אין ביוראָ זאַכאָדניאַ 36 טעל. 70=48-1

אויסאַרבּייטונג פון

לייסטן צו ראהמען און טאפעטן

זאָווי איינראַהמען **בילדער**

„ARTORAM"

ŁÓDŹ, PIOTRKOWSKA 105.

יעדער איינציגער

האָט זיך איבערצייגט, אז פאַר

מעבעל

דיוואַנעס, פעלצען, נייה-מאַשינען, גאַרדערן אבען אז"וו צאָהלט די העכסטע פרייזען

א. ווייצמאַן שענקעוויטש 23

טעלעפאָן 00=191.

ביי מיר איז שטענדיג פערשידען גענוצטע מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען.

Dr. Z. Rakowski

פאַר אויערן-, נאָז-, האַלז- און לונגען-קראַנקהייטען

9 קאָנסטאַנטינער 9 טעלעפאָן 127-81

שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעמשניצע זגערזשער 17 פון 10 — 11 און פון 5—7

Tyle pieniędzy w śmietniku!

Dziesiątki tysięcy złotych rocznie wędruje wskutek bezmyślności ludzkiej do śmietnika. Niezliczone skarbonki dla dzieci możnaby nimi napełnić. Niechże się Szanowna Pani zastanowi, ile takich próżnych opakowań, również opłaconych, Szanowna Pani sama wrzuciła do pieca. A co gorsze: towar opakowany, Szanowna Pani zwykle przepłaca, gdyż pod pięknem opakowaniem spodziewała się otrzymać towar „cenniejszy". Prosimy wziąć pod uwagę, że kupując słynne z dobroci, nieopakowane mydło „Kołłontay" znak ochronny „pralka" nie ma Pani żadnych odpadków dla śmietnika, zato więcej zaoszczędzonnych groszy dla skarbonki swego dziecka. Przytem — nawet najdroższy środek do prania nie zdołą nigdy wyprzedzić czystego, zawierającego glicerynę i aromatycznego mydła „Kołłontay".

Złoty medal na Wystawie w Katowicach 1927 r.
Zastępca: S. B. Redlic, Łódź, Południowa 86.

די לייטונג

פון ערשטען אטאדאקסישען לעהר=אנשטאלט

„דרכי=נעם"

פון גרשון אלי' ליסס — אין — לאדז

ערשטער „דרכי-נעם" קיליגסקי 50, טעל. 215 26

צווייטער „דרכי-נעם" אל. 1 מאי 20, טעל. 200-43

מאכט בעקאַנט, אז עס ווערען נאָך אָנגענומען איינ-שרייבונגען פון תלמידים אין אונזערע

פערגרעסערטע לעהר-אנשטאלטען

וועלכע זענען, ווי בעוואוסט, אייגעאָרדענט ערשטקלאַ-סיג אין אַלע הינזיכטען. אויך ווערען שוין אָנגענומען תלמידים-אַנפענגער אין אונזערע

גן-ילדים

וואָס ווערען געפיהרט דורך ספּעציאַליסטען-פּעדאַגאָגען ערציהער. עס ווערט יעצט אויך פערגרעסערט און פערברייטערט די

מתיבתא לתלמוד ולהוראה

עס וועט טעטיג זיין א מתיבתא א', ב' און ג' ביי דער מיטווירקונג פון בעוואוסטע בעלי-הוראה. גלייכ-צייטיג זענען מיר מודיע, אז די

8-קל. גימנאזיאל-קורסען

קאָנצעסיאָנירט דורכ'ן קוראַטאָריום ווערען יעצט פער-גרעסערט. עס וועלען טעטיג זיין די קלאַסען IV, V און VI אונטער דער לייטונג פון בעקאַנטע גימנאַזיאַל-פּראָפעסאָרען. אויך מאַכען מיר בעקאַנט, אז דער

פענסיאן

פאַר תלמידים פון דער פרעמד ווערט רעאָרגאַניזירט און וועט זיין אין א ספּעציעלען לאָקאַל אונטער דער לייטונג פון אנ'אנגאזשירטען פּאַכמאַ' - ספּעציאַליסט. אויך קענען אונזערע תלמידים גענישען פון דער

זומער-קאלאניע

וועלכע עקזיסטירט שוין ביי אונזער אנשטאלט דאָס 2-טע יאָהר, און געפינט זיך אין א פּרעכטיגער געזונדער וואַלד-געגענד. די תלמידים האָבען אויף דער קאָלאָניע די בעסטע זאָרגפעלטיגע און ערציהערישע אויפזיכט.

איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען טעגליך פון 9 — 1 פאַרמ. און פון 4 — 7 נאָכמ.

די לייטונג.

אכטונג, דאמען-מאגאזין-שניידער=מייסטער!

מאָנטאָג, דעם 17 אויגוסט ד. י. 8 אָווענד קומט פאָר

א גרויסע פערזאמלונג

פון דאַמען-מאַגאַזין-שניידער מיטגלידער און נישט מיטגלידער אין לאָקאַל פון האַנטווערקער-פעראיין וואָלטשאַנסקאַ 19.

טאג-ארדנונג: „לוין=אקציע".



„ESTOL"

בעזייטיגט **אדטשישקעס** מיט'ן וואָרצעל

בערוהיגט דעם וועהטאָג

פרייז פון 1 פלאַסטער 30 גראָשען. צו בעקומען איבעראַל.

פויליש-אוקראינישע אונטערהאנדלונגען

וועלען זיך אנגיכען אנהויבען

וואַרשא, 13. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן בעווף פון די ענגלישע אַרבייטער דעלעגאַטען אין גאַליציען, שמועסט מען, אַז אונטער זייער ווירקונג זאָלען זיך בקרוב אָנהויבען פויליש-אוקראַנישע אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ פערשטענדיגונג.

אראבער וועלען דעמאנסטרירן דעם 15 אויגוסט

ירושלים, 13. (יט״א טעלעגראפיש) בישט קוקענדיג אויפ׳ן פעדבאָט צו דעמאָנסטרירען דעם 15. אויגוסט, האָבען די אַראַבער פינדעסטוועגען בעשלאָסען יאָ צו דעמאָנסטרירען אונטער דער לאָזונג געגען בעוואָפנען די יודישע קאָלאָניעס דורך דער רעגירונג.

אין די אַראַבישע קרייזען האַלט מען, אַז די רעגירונג וועט נישט אנווענדען געגען זיי קיין רעפרעסיעס.

געוו. שפאנישער קעניג אלפאנס בעזוכט גדיניע

דאַנציג, 13. (ספ.) דער געוו. שפאַנישער קעניג אַלפאָנס איז אויף אַן ענגלישער שיף געקומען קיין גדיניע, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט׳ן פוילישען פאָרט.

פון גדיניע איז אַלפאָנס אָפגעפאָהרען קיין שטאָקהאָלם.

איינגעלאדענט דעם פראנצויזישען פרעמיער קיין בערלין

פאַריז, 13. (טו) דער דייטשער באָטשאַפטער איז היינט אוועק אויף אַ בעווף, צום פרעמיער לאַוואל, ד.ה. מען האָט נאָך נישט אָפיציעל מודיע געווען וועגען דאָזיגען בעווף, ווייסט מען אָבער אַז עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען איבערגעבען דעם פראַנצויזישען פרעמיער די דייטשע איינלאָדונג קיין בערלין.

יוגאסלאווישער אויסערן-מיניסטער קומט קיין ווארשא

וואַרשא, 13. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) די פוילישע רעגירונג האָט איינגעלאַדענט דעם יוגאָסלאַווישען אויסערן-מיניסטער מאַריצקאָוויטש אויף אַ בעווף קיין וואַרשא. דער מיניסטער וועט קומען קיין וואַרשא דעם 22. אויגוסט און וועט בלייבען ביז׳ן 24. אויגוסט.

בייי פעטזוכט, גיכט און צוקער

פערבעסערט דאָס נאַטירליכע בימער-וואַסער

Franciszka Józefa

די מאָגען און דארם-טעטיגקייט און די פערדויאונג צו בעקומען און אַלע אַמטליכע 4 פון מקלער אַמטסשנעס

ליציטאציע ביים גראף זאמאיסקי

וואַרשא, 13. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) דעם אויגוסט וועט פאָרקומען אַ ליציטאַציע אין לאָקאַל פון גראַף זאמאיסקי אויף זשאַביא 4.

ווידער א טראגישער זעלבסטמארד פון א יודישען פאבריקאנט אין ווארשא

וואַרשא, 13. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) אויף נאָוואָליפּיע 40 האָט זיך אויפגעהאָנגען זאין זיין זאייגענער אייזען-פאַבריק דער פאַבריקאַנט דניאל עדעלבוים 55 יאָהר אַלט.

די סבה פון טראַגישען זעלבסטמאָרד איז די שווערע פינאַנציעלע לאַגע אין וועלכע עדעלבוים האָט זיך געפינען.

1-טער קלאַנג-קינא-טעאַטער אין לאָדז

„SPLENDID"

היינט און פאָלגענדע טעג!

RANGO

אזעלכעס, וואָס איז נאָך ביז איצט נישט געזעהען געוואָרען. פערכטיגער, אונגעוועהנליך-אינטערעסאַנטער, כאַראַקטעריסטישער דזשונגל-פילם. רעאַליזירט ע. ב. שאעדזעק איינע פון די הויפּ ראָלען פיהרט אויס אַ מאַלפּע, וואָס איבערשטייגט מיט׳ן שפּילן דעם גרעסטן אַקטיאָר

אויסער פּראָגראַם: אַ גרעסטיגער פלמשער-צייכנגס-גראַ טעסק א. נ. „בימבאָ אין שולע" ווי אויך די באַלאַדע „ביים שיין פון דער לבנה". אָנהויב 6 נאָכם., שבת און זונטאָג 12 בייטאָג, פון 12—3 זענען די פרייזן 75 גר. און 1 זל. פון 4 אַ זייגער נאָכמ. 1, 1.50 און 2 זל.

Dr. med J. LUBICZ

כירורג-ארטאפעד

פּאָלודניאָוואַ 9. טעל. 183-17

צוריקגעקעהרט

קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער אַנגעבארענע פעראַצאוויע פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע אפּאַראַטען ווי: חקלאָדקעס אויף פלאַטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גאָרסעטען א. ז. וו.

נעמט אָן פון 2.30 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.



קוראַטאָריום פאַר העברע רעליגיעזע טעכטער-שול

„חבצלת"

לאָדז, באַד-לודקא 12

וויכטיג פאַר שילערינס וואָס האָבען געענדיגט אַ פאָלקס-שול!

אויפ׳ן פערלאַנג פון פיל עלטערן, וואָס זייערע קינדער האָבען געענדיגט אַ פאָלקס-שול, האָבען מיר בעשלאָסען צו עפענען צום נייעם שול-יאָהר אַ העכערע V קלאַס.

אַלע שילערינס וואָס ווילען אַריינטרעטען אין דער דאָזיגער קלאַס מוזען ביז דעם 20-טען ד. מ. זיך ווענדען אין אונזער קאַנצעלאַריע נאָך די נויטיגע אינפאָרמאַציעס.

ס׳ווערן נאָך אָנגענומען איינשרייבונגען אין די נידריגע קלאַסען ווי אויך אין די פאַר- און נאָכמיטאָג פרעבעל-שולען.

אין דער נאָכמיטאָג-שול בעדייטענדע הנחות

די שול-קאַנצעלאַריע איז טעטיג טעגליך אין די אַמט-שעה׳ן.

בעקאַנטמאַכונג.



דערמיט מאַך איך בעקאַנט דער ג׳ קונדשאַפט, אַז p. LEON WEINROT ג. מיטאַרבייטער פון דער פירמע „FELIKS" פּאָמאָרסקאַ 8, האָט מיט׳ן היינטיגען טאָג איבערגענומען די לייטונג פון דאַמען-סאַלאָן.

עמפפעהלענדיג זיך ווייטער דער ג׳ קונדשאַפט, פערבלייב איך מיט אַכטונג

Zakład Fryzjerski M. KUPKA POŁUDNIOWA 12,

DAMSKI i MĘSKI róg Wschodniej tel. 119 40

תלמוד-תורה

ביי דער לאָדזער יוד. קהלה

אין ראַדאַגאָשטשער ראַיאָן

איז מודיע, אַז אין דער וואָך פון זונטאָג ד. 16 ה. ח. ביז פרייטאָג ד. 21 ה. ח. אין די שעהן פון 2 – 11 נ. מ.

וועלען אַנגענומען ווערען צום נייעם לערן-יאָהר יונגלעך איז עלטער ביז 7 יאָהר איינשליסליך

די איינשרייבונגען וועלען פאָרקומען אין לאָקאַל פון דער ת״ת גאַפּלאַנסקא 26.

צו די איינשרייבונגען מוזען זיך מעלדען פערזענליך די עלטערן מיט די קינדער מיט נעהעריגע פערזענליכע דאָקומענטען.

Dr. M. Lerner

קינדער-קראַנקהייטען

צוריקגעקעהרט

זאַכאַרניאַ 64, טעל. 113-09

נעהמט אָן פון 3–5 נאָכמיטאָג. 4279

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפער און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע

אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40

נעמט אָן פון 8–11 און פון 5–9 אָוו.

זונטאָג און יום-טוב פון 9–1 פאַרמ.

בעזונדערע וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

Dr. med. G. GERSZTAJN

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייט

צוריקגעקעהרט

טראַגוטאַ 12, טעל. 175-10.

נעהמט אָן פון 11–1 און פון 7–8 אָוו. 4284

Dr. med. J. BETTE

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען

Piotrkowska 6, telef. 148-95

נעהמט אָן פון 8–11 פריה און פון 4–6 נאָכמ.

Dr. med. Łagunowski

Piotrkowska 70

i róg Traugutta

Tel. 181-83.

POWRÓCIŁ

Specjalista chorób skórnych, wenerycznych i moczopłciowych

Leczenie światłem: promieniami Roentgena i lampą kwarcową.

Przyjmuje od 8^{30} do 10^{3} rano, od 1-ej do 2^{30} pp od 6 do 8^{30} w., w niedzielę i święta od 10 pd -ej. Dla pań oddzielna poczekalnia.

DR. MED. Haltrecht

ספּעצ.-אַרצט פאַר הויט און געשלעכטס-קראַנקה.,

נעהמט אָן פון 8—10 פריה, פון 1—3 נאָכמיטאָג און פון 6 ביז 8.30 אָוונט.

זונטאָג פון 9 ביז 12 בייטאָג.

פּיעטריקאָווער 10

פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע פרייזען.

Dr MED. J. PIK

ul. Żeromskiego 36

ביים גרינעם מארק

טעל. 175-50

נערוון און אינערל.-קראַנק. ספּעצ. פון פסיכאָ-נערוועז.

נעהמט אָן פון $5^{1}/_{2}$—7 אָוו.

Dr. med. W. Eychner

גינעקאָלאָג-אַקושער

זגערזשער 11

טעלעפאָן 72–134

נעמט אָן פון 3–4 נאָכמ. און פון 7–9 אָוונד.

גאַסטראָלען פון דער

ווילנער טרופּע

XVI יאָר XVI יאָר

15-יעריקער יובל-טורנע אָנפ. מ. מזאה.

לאָדזשער שטאָט-טעאַטער

לעצטע פאָרשטעלונגען

היינט פרייטאָג, 9 אָוו. מאָרגען שבת 4 נאָכמ. און 9 אָוו.

„200.000"

(דאָס גרויסע געווינס)

פאָלקס-שפּיל אין 4 אַקטען ∴ פון שלום עליכם

200.000	200.000
200.000	200,000
200,000	200,000

רעזשי: י. ראַטבוים דעקאָר. און קאָסטיומען: אַנדזשיי פּראָנאַשקאַ מוזיק: ה. קאָן. דיריגירט: דוד בייגעלמאַן. לידער-טעקסטען: מ. בראָדערזאָן. טענץ: לאה ראַטבוים

א גרויס געוועלב

מיט טעכנישע אַרטיקלען גוט איינגעפיהרט און רעקלאַמירט אין צענטרום שטאָט אין אַ בעלעבטער סוחרישער געגענד צוליב אַברייזע ביליג איבערצוגעבן.

אָפערטען אונטער „999" אין אדמיניסטראַציע.

דער שווערגעטראָפענער פאַמיליע מאַיערטשיק צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאַן און פאָטער, אונזער לאַנגיעהריגען מיטגליד

ג״ע זאב מאיר

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל מיט המקום ינחם אתהם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואַלטונג פון יודישע פליישער-הורטאָווניקעס - פעראיין אין לאָדז.

דאָס בעוואוסטע און איבעראַל בעקאַנטע

7-קלאַסיגע רעליגיעזע לעהר-אנשטאלט

— עם —

„בית אברהם" גן ילדים

פון אברהם שלאַמאָוויטש

לאָדז, אגראַדאָווא 10

טיילט מיט, אַז פון נייעם שול-יאָהר איז אַלעס בעדייטענד פערגרעסערט און פערבעסערט געוואָרען מיט די בעסטע פעדאַגאָגישע קרעפטען אין אַלע למודים. עס ווערען שוין איינגעשריבן תלמידים אין אַלע קלאַסן, ווי אויך אין 6-טן און 7-טן קלאַס די לייטונג.

בעמערקונג: אין גן ילדים ווערען אָנגענומען תלמידים פון 5 יאָהר אַלט אָן.

שוידערליכער מבול אין כינא

צעהנדליגער טויזענד טויטע. — 25 מיליאן היימלאזע. — 4 מיליאן חרובע הייזער. — א האלבען מיליאן דאלאר שאדען. — א מוראדיגער הונגער

לאנדאן, 13. (ספ. טעל.) פון כינע קומען כסדר אן שרעקליכע ידיעות וועגען דער פערפלייצונג אין דער כינעזישער פראווינץ האנקאי.

די פערפלייצונג איז געשעהען צוליב אן׳אויסגוס פון טייך טשאנגטסע. עס איז פערפלייצט געווארען א שטח אויף וועלכען עס וואוינען 50 מיליאן מענשען.

דער טייך טשאנגטסע האט זיך פערוואנדעלט אין א גראנדיעזען ים. טויזענדער מענשען זענען דערטרונקען געווארען. הונדערטער טויטע שווימען אויפ׳ן וואסער, וועגען בעגראבען די דערטרונקענע קאן גישט זיין קיין רייד און דאס פערגרעסערט זעלטען די דערשפרייטען עפידעמיעס.

צווישען די, וועלכע זענען געבליבען ביים לעבען הערשט א הונגער, ווייל עס איז אונמעגליך צוצופיהרען עסענווארג.

לויט דער ביז איצטיגער אויסרעכענונג זענען חריב געווארען 4 מיליאן הייזער, דער היזק דערגרייכט א האלבען מיליארד דאלאר. די צאהל היימלאזע דערגרייכט 25 מיליאן, די צאהל טויטע דערגרייכט צעהנדליגע טויזענד.

אמשטאריקסטען האט געליטען די מיליאנען שטאט האנקאי. די גרעסטע צאהל הייזער געפינט זיך אונטער וואסער און אויך די איבריגע הייזער זענען בעדראהט. די פרעמדע בירגער ענטלויפען אויף קריגס־שיפען און האנדעלס־שיפען. אונטערן שטארקען דרוק פון די כוואליעס, פאלען איין די הייזער, 3,000 מענשען, וועלכע האבען זיך געשיצט אויף די דעכער פון די הייזער, זענען דערטרונקען געווארען, ווייל די הייזער זענען איינגעפאלען.

עטליכע טויזענד מענשען האבען זיך געשיצט אויף די טריבונעס פון געיעג־פלאץ, זענען דערטרונקען געווארען, ווייל די פאלעס האבען אונטער געשווענקט די טריבונעס.

200,000 מענשען האבען זיך בעזעצט אויף די הויכע זאמד־בערג ארום באנקאוו. דאס וואסער הויבט אבער שוין אן אונטערצושווענקען די בערג, אויב דאס וואסער וועט זיך נישט אפשטעלען, וועלען אלע מענשען אומקומען. קיין שום רעטונג פאר זיי איז נישטא.

נאך אן׳ערגערע לאגע האט זיך געשאפען דורך דעם שטורם, וואס האט נעכטען זיך געטראגען איבער די ערטער פון דער פערפלייצונג אין משך פי׳ן 6 שעה האט אנגעהאלטען א געוואלדיגער שטורם בעגלייט פון דונערן און בליצען.

קאנפליקט צווישען מיניסטעריום און אויטאבוסען־בעזיצער ווערט בעזייטיגט

ווארשא, 13. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) די קאמיסיע, וועלכע איז מיט א צייט צוריק געוועהלט געווארען מיט דער אויפגאבע צו ברענגען צו אן׳אויסגלייך צווישען ארבייטס־מיניסטעריום און די אויטאבוסען־בעזיצער, האט אויסגעארבייט א קאמפראמיס־פארשלאג און די טעג וועט דער קאנפליקט מיט די אויטאבוסען־בעזיצער בעזייטיגט ווערען.

זגערזשער 17 לאדזשער פאלקס־טעאטער זגערזשער 17

דירעקציע נ. גאלדשטיין.

גאסטראלען פון די בעוואוסטע ארטיסטען
בערטא זאסלאווסקא, לעאן געטליכערמאן

מיט׳ן אנטייל ש. הערשקאוויטש און ה. באלבירסקי

4 לעצטע געזעגנונגס־פארשטעלונגען אין פאלקס־טעאטער!

היינט, פרייטאג, ד. 14־טען, 9.30 אוונט
פרייזען פון 60 גר. ביז 2 זל.
צום ערשטען מאל אין פאלקס־טעאטער

„מאטקע גנב"

אין 3 אקטען מיט פראלאג פון ש. אש
מערי—ב. זאסלאווסקא; מאטקע—ל. געטליכערמאן

שבת, 4 נאכמיטאג צו ביליגע פרייזען
א גרויסער קאנקורס פון 4 קאמיקערס
3 שעה לאכען! קאמיזם! לאכען! זינגען! טאנצען! 3 שעה ווילדע זיך!

שרה־שיינדל פון יעהופעץ

אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ.

שבת, דעם 15־טען, 9 אוונט פרעמיערע! צום 1־טען מאל אין פאלקס־טעאטער
נייע געזאנגס־נומערן! פיל קאמישע סצענעס!
די פיעסע, וואס איז געשפילט געווארען אין אמעריקא 2 סעזאנען

לעבעדיגע יתומים

אין 3 אקטען מיט געזאנג א. טענק פון קארמאנאוויטש

מיט בערטא זאסלאווסקא אין די הויפט־ראל אלס גוטע שטיף־מאמע.

זונטאג, דעם 16־טען, 9 אוונט פרייזען פון 60 גר. ביז 2 זל.
לעצטע געזעגנונגס־פארשטעלונג 3 פארשטעלונגען אויף 1 בילעט
3 שענסטע פיעסען פון רעפערטואר מיט א גרויסען קאנצערט אין 1 אוונט
1) גאלדענער שדוך (1־טער אקט); 2) יודעלעם בר־מצוה (1־טער אקט); 3) ווען א פרוי פערגעסט זיך (3־טער אקט). צום שלוס: א מתנה פאר׳ן פובליקום: א גרויסע קאנצערט־אפטיילונג א. נ. „פרייליך, לעבעדיג און לוסטיג".
אין קאנצערט נעמט אנטייל דער גאנצער ארטיסטען־אנסאמבל אין פאלקס־טעאטער.

עס נעמען אנטייל די נייע אנגאזשירטע ארטיסטען לויט א. ב.: פרויען: בעזמאן, גאטפריד, זאסלאווסקא; מענער: אריעל, באלבירסקי, בראנשטיין, געטליכערמאן, גאטפריד. הערשקאוויטש, נייהויז. פאלאנסקי. ∴ מוזיק־לייטונג – מ. קאכאנאווסקי, טעכנישע לייטונג – ד. אריעל, סופלאר – וו. נייהויז. בילעטען צו בעקומען אין קאסע

קלאנגען וועגען פאליטישע ענדערונגען

ערב א פויליש־סאוויעטישען אנטי־אגרעסיע־אפמאך

ווארשא, 13 (טעלעפאניש). אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס מארשאל פילסודסקי איז פלוצים צוריקגעקומען קיין ווארשא האבען נעכטען קורסירט אין די פאליטישע קרייזען פערשידענע השערות.

אזוי למשל רעדט מען וועגען דער ענדערונגען אין דער פאליטיק, עס זאל ליקווידירט ווערען די מיניסטעריומס פאר אגראר און פאסט.

ווייטער האט מען געשמועסט, אז בקרוב זאל געשלאסען ווערען א פויליש־סאוויעטישער אנטי־אגרעסיע־אפמאך.

גאנדי וועט נישט קומען צו דער לאנדאנער קאנפערענץ

גרויסער רושם אין לאנדאן

לאנדאן, 13. (ספ. טעל.) דער אינדישער קאנגרעס האט בעשלאסען, אז גאנדי זאל זיך נישט בעטייליגען אין דער לאנדאנער קאנפערענץ ביים „רונדען־טיש".

גאנדי האט דעריבער אפגעזאגט די איינלאדונג פון דער ענגלישער רעגירונג צו קומען צו דער קאנפערענץ.

אין לאנדאן האט דער בעשלוס פון אינדישען קאנגרעס געמאכט א גרויסען רושם. פאר דער ענגלישער רעגירונג האט זיך צוליב דעם געשאפען א שווערע לאגע, ווייל עס האט זיך אזוי ארום פערשארפט די בעציהונג מיט אינדיען.

שיטרען

מיט פאריזער שרינדען
ווי אויך פערטיגע שיטלען
ווערען ערשטקלאסיג און רעעל אויסגעארבייט
צו ביליגע פרייזען
ביי קערש, סקווערא 15
לינקע איינגאנג, 1־שטער שטאק.

אויטאגענישע שווייסונגען
מעטאל־בעארבייטונגען
שלאסעריי־ארבייטען
מאשינען־טיילען
פיהרט אויס ביל״

J. REDER, Łódź
קאנסטאנטינער 11/13
(רוג זאכאדניא)

LEKARZ-DENTYSTA
Zytnicka-Kahanowa
powróciła
11 Listopada 9 (Konstantynowska)
telefon 133-53

Dr. Różaner
צוריקגעקעהרט.

Dr. MED. H. LUBICZ
ספ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס קראנק.
צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 142־13
עמפפאנגס־שעה׳ן 8–10, 12–2, און 5–8, זונטאג און יו״ט 9–1, פאר דאמען בעזונדער ווארטע־זאל

א טיכטיגער פערקויפער

קוואליפיצירט אין דעטייל געשעפט אין מאנופאקטור־בראנזשע, בעפארצוגט ביי דיוואנעס און גארדינען, בעהערשט די לאנדעס־שפראכען און מיט גוטע רעפערענצן ווערט געזוכט. אפערטען אונטער „F. L." אין אדמיניסטראציע.

Dr. D. FRID
ספעצ. פאר אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען
Sienkiewicza 37, tel. 224-78
נעמט אן פון 9–11 פארמ. און פון 1–2 נאכמ.

DR. MED.
Jerzy SUDYA
ספעציאל־ארצט פאר אקושער־ און פרויען־קראנקהייטען
ZIELONA 30 זשעלאנא
טעלעפאן 115 27
נעמט אן פון 5 ביז 7 נאכמיטאג.

Dr. med.
I. Grynberg
אינערליכע קראנקהייטען ספעצ. פאר הארץ
צוריקגעקעהרט
CEGIELNIANA 17 צעגעלניאנא
Telefon 174-15 טעלעפאן

DR. med. SZMERŁOWSKI
POWRÓCIŁ
AKUSZER GINEKOLOG
godziny przyjęć od 3—5-ej i od 7—8-ej
Piotrkowska 17 tel. 107-13

ווערקשטעטער פון שירמס
און שפאציר־שטעקענס
ס. פייגענבוים
לאדז, נארוטאוויטשא 19
עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאלירטע דאמען־ און מענער־שירמס און שטעקענס צו קאנקורענץ־פרייזען
נעמט אן אלערליי רעפאראטור׳ן פון שירמס און שטעקנס

PORADNIA
WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים־ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
גאר פאר וועגערישע הויט־קראנקה. און מענער־שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא־לאגישע און נערווען־קראנקהייטען. קווארץ־לאמפ. עלעקטרישער הייל־קאבינעט ראסמעטיק.
— — טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונט. — —
פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעמט־אן א פרוי־דאקטאר נור קינדער און פרויען
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
– בעזונדער ווארטע־צימער פאר פרויען. –
וויזיט 3 זל.

LEK. DENT.
SZPERLING
ZAWADZKA 1, tel. 143-06
POWRÓCIŁ

לעטשניצע

פון דאקטוירים ספעציאליסטען
רענטגען־אינסטיטוט
און ערצליך־דענטיסטישער קאבינעט
זגערזשער 17, טעל. 116-33
ד״ר גאלדשטיין־פאלאק אויגען־קראנקה. פון 1–2
ד״ר ווייגבערג אינערן, הערץ און לונגען פון 1–2 און פון 6–7
ד״ר יוסטמאן נערווען קראנקה. פון 12–2
ד״ר סטופעל רענטגען פון 12–2 און 4–6
ד״ר פאפיערני פרויען־ און געבורטס־הילף פון 11½–1
ד״ר האנטאר כירורגישע קראנקה. פון 5–6
ד״ר ראקאווסקי נאז, האלז און אויערן־קר פון 10–11, 2–3 און פון 6–7
ד״ר ראזענצווייג קינדער־קראנקהייטען פון 11–12 און פון 4–5
ד״ר רוזשאנער הויט־ און געשלעכטס־קר. פון 1–2
נ. ראזעס צאהן־ארצט פון 9–1
א. גראדזענטשיק צאהן־ארצט פון 3–7

צאהן־היילונג, בעלייכטונגען, קראנען, מאסטען א.א.וו. ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען א רענטגען־אינסטיטוט. — היילונג פון הויט־קראנקהייט פון קאפ (פארך) מיט רענטגען־שטראלען, פאר בעשטראלונג און דורכלייכטונג, קווארץ־לאמפען, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע
אלע מעגליכע אנאליזען.
אימפונגען נעגען שארלאך (שקארלאטין).
די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג
וויזיטען איז שטאט.

DR. MED.
Józef Imich
ספעציאליסט פון אויערן, נאז, האלז און קעהל־קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
מאניושקי 1, טעלעפאן 209-97.
נעהמט אן פון 1–2 און פון 5–7 נאכמ.

רעזולטאטען פון פלעביסציט אין פרייסען

נישטא קיין סימנים פון דויערנדער פאליטישער בערוהיגונג

בערלין. (יט"א) אויף אַן אָנפראַגע פון דער יודישער טעלעגראַפען־אַגענטור וועגען אַן אָפּשאַצונג פון פלעביסציט־רעזולטאַט אין פרייסען האָט דער יוריס־קאָנסול פון צענטראַל־פעראיין פון דייטשע בירגער פון יודישען גלויבען, ד"ר אַלפרעד וויענער ערטיילט אַ פאָלגענדען ענטפער.

צוזאַמען מיט אַלע דייטשען, וועלכע בעזיצען דעם פעראנטוואָרטליכקייט־געפיהל בעגריסען אויך די דייטשע יודען דעם דורכפאַל פון פלעביסציט. די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע איז פאַר'ן 9־טען אויגוסט געווען אַלץ יודען־העצערישער און האָט אָפען אויפגעפאָדערט צו פאָגראָמען. דער פלעביסציט האָט בעוויזען, אַז די צוזיהונגס־קראַפט פון די אַנטיסעמיטישע לאָזונגען האָט געוויסע גרענעצען, וועלכע קענען נישט איבערגעטריבען ווערען.

דער צענטראַל־פעראיין האָט ענערגיש פאָרטגעזעצט זיין אויפקלערונגס־ארבייט געגען דעם אַנטיסעמיטישען נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אויך אין דער פלעביסציט־קאָמפאַניע מען דאַרף אָבער דעם רעזולטאַט פון פאָלקס־ענטשייד נישט בעטראַכטען אַלס בעווייז פון דויערנדער בערוהיגונג אין לאַנד. פערקעהרט, עס בעשטעהט ד יגעפאַהר, אַז די נאַציאָנאַליסטען וועלען דעם כעס צוליב זייער דורכפאַל אויסדריקען אין אַ פערשטאַרקטער יודען־העצע. דער צענטראַל־פעראיין וועט דעריבער מיט אַלע ערלויבטע מיטלען פון פאָליטישער און ליטעראַרישער אויפקלערונג ווייטער ווירקען געגען דעם צושטערענדען יודען־האַס און פאַר דעם איבערליכען פרידען.

דער פוילישער האנדעלס־ראט ד"ר. בערנארד הויזנער

געוועהלט אלס עהרען־בירגער פון ראש־פנה

ירושלים, (יט"א) דער פוילישער האַנדעלס־פאָרשטעהער אין ארץ־ישראל ד"ר בערנאַרד הויזנער איז געוועהלט געוואָרען אַלס עהרען־בירגער פון דער קאָלאָניע ראש־פנה. דער בעשלוס איז אָנגענומען געוואָרען אין אָנערקענונג פון די גרויסע פערדינסטען פון ד"ר הויזנער פאַר דער ענטוויקלונג פון די יודישע קאָלאָניע.

טשיקאגער יוד בעשטימט אלס מאיאר פון אמעריקאנער לופט־פלאט

טשיקאַגאָ, (יט"א) דער פליהער עדוואַרד בראוער איז בעשטימט געוואָרען אַלס מאַיאָר פון אַמעריקאַנער לופט־פלאָט. מאַיאָר בראוער האָט בשעת ד ילעצטע מאַנעווערען אין טשיקאגא אָנגעפיהרט מיט אַ טייל פון דער לופט־פלאָטיליע און איז אנערקענט געוואָרען פאַר איינעם פון ד יבעסטע לופט־פליהער אין אַמעריקא. ער איז איצט אַלט 33 יאָהר און איז דער יונגסטער מאַיאָר אין אַמעריקאַנישען לופט־קאָרפּוס. ה' בראַוער שטאַמט פון אַ בעוואוסטער יודישער פאַמיליע אין טשיקאגא, וועלכע האָט אימיגרירט פון ליטע, ער איז אַ מיטגליד פון „בני־ציון־טעמפּעל". דעם 1. אויגוסט וועט ה' בראַוער איבערגעהען אין רעזערוו, ווייל ער האָט שוין דורכגעמאַכט 22.000 שעה אין דער לופט.

יובילײ פון בעקאנטען יודישען דיריגענט אסקאר פריעד

בערלין, (יט"א) די טעג האָט געפייערט זיין 60־יעהריגען געבורטס־טאָג דער בעקאַנטער דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר אָסקאַר פריד אַ יוד, אַלס ליטער פון בערלינער סימפאָנישען אָרקעסטער האָט אָסקאַר פריד ערוואָרבען די אַלגעמיינע אָנערקענונג. אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט האָבען אויך ערוואָרבען אַ רייה זיינע קאָמפּאָזיציעס און לידער. אַ דאַנק זיינע אויסלאַנדס־טורנעס איז אָסקאַר פריד זעהר בעליבט אין די מוזיקאַלישע קרייזען פון גאַנץ אייראָפּאַ און אַמעריקא.

דער „שטאהלהעלם" אין די פעראייניגטע שטאטען

דעטראָיט, (יט"א) דער קאָמענדאַנט פון „שטאהלהעלם־בונד" אין דעטראָיט אַרטור ליבק האָט אין אַ געשפּרעך מיט'ן יט"א־פאָרשטעהער געשילדערט די צילען פון דער אַמעריקאַנער שטאַהלהעלם־אָרגאַניזאַציע, דערביי האָט ער געלייקענט, אַז די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע זאָל טראָגען אַן אַנטיסעמיטישען כאַראַקטער און זאָל שטעהען אין וועלכע עס איז בעציהונגען מיט די אַמעריקאַנער היטלערליים. דער פּראָגראַם פון שטאַהלהעלם אין אַמעריקא ענטהאַלט נישט קיין שום אַנטי־יודישע מאָמענטען, אַלס מיטגלידער ווערען אָבער אָנגענומען בלויז אָנגעהעריגע פון דער גערמאַנישער ראַסע. די אויפגאַבע פון שטאַהלהעלם איז צו בעקעמפען דעם ווערסאַלער שלום־טראַקטאַט, דער מאַרקסיזם, באָלשעוויזם און פאַציפיזם.

רעפעראטען אין בערלין וועגען דער לאגע פון די יודען אין פוילען

בערלין, (יט"א) לויט דער איניציאַטיוו פון „אָרט־אָזע־עמיגדירעקט" איז אין „שלום־עליכם־קלוב" פאָרגעקומען אַ רעפעראַטען־אָוועבד געווידמעט דער לאַגע פון די יודען אין פוילען. מיט רעפעראַטען זענען אַרויסגעטרעטען ד"ר זילבערפאַרב, ד"ר וואַלמאַן, א. גאַלדין און ל. בוישטאַדט. נאָך די רעפעראַטען האָט זיך ענטוויקעלט אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע.

אינטערנאציאנאלע סטודענטען־קאנפערענץ

פראקלאמירט א גרויסע אקציע פאר שלום און ענטוואפנונג

זשענעווע, (יט"א) דאָ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַן אינטערנאַציאָנאַלע סטודענטען־קאָנפערענץ, וואָס איז צונויפגערופען געוואָרען דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלען סטודענטען־ווערק". די קאָנפערענץ האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו בעטראַכטען די מיטלען פאַר אַן אַלגעמיינע אַקציע לטובת דער אינטערנאַציאָנאַלער ענטוואָפנונג. אין דער קאָנפערענץ האָבען זיך בעטייליגט פאָרשטעהער פון דעם וועלט־פערבאַנד פון יודישע סטודענטען. אויף דער קאָנפערענץ זענען געווען רעפּרעזענטירט אַקאַדעמישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זייער מיטגלידער צאָהל דערגרייכט קרוב 1.500.000 סטודענטען. די בעראַטונגען פון דער קאָנפערענץ האָט אויך בייגעוואוינט אַ ספּעציעלער פאָרשטעהער פון פעלקער־בונד.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו פּראָקלאַמירען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ענטוואָפנונגס־קאָנפערענץ, וועלכע וועט זיך צונויפקומען אין פעברואַר 1932 יאָהר, אַ ברייטע אונטערשטיצונגס־אַקציע פאַר אַן אַלגעמיינער ענטוואָפנונג אויף אַלע אוניווערזיטעטען פון דער וועלט.

שרעקליכע מאמענטען פון דער רעוואלוציע

א קאפּיטעל פון א בוך וועגען די ערשטע טעג פון דער רעוואלוציע.—דער פערפאסער פון'ם בוך איז געווען לענינ'ס נאהענטסטער פריינד און מיטארבייטער.—הפקרות און אנארכיע אין די ערשטע צייטען נאָך דער אקטאבער־רעוואלוציע.

„דאָס שרעקליכע אין דער רעוואָלוציע" — אַזוי איז בעצייכענט איינער פון די קאַפּיטלען אין אַ בוך אונטער'ן נאָמען „אויף ד ישלאַכט־פעלדער פון דער רעוואָלוציע", וואָס איז נישט לאַנג צוריק אַרויס פון דרוק אין מאָסקווע.

דער פערפאַסער פון דעם בוך איז דער בעקאַנטער עטנאָגראַף, היסטאָריקער און פאָרשער פון דער סעקטאַנטישער בעוועגונג אין רוסלאַנד, וולאַדימיר האַנטש־ברויעוויטש, וועלכער האָט אין 1899 בעגלייט קיין קאַנאַדאַ אַ פּאַרטיע פון עטליכע טויזענד דוכאָבאָרען, וואָס האָבען אַהין אויסגעוואַנדערט צוליב די פערפאָלגונגען פון דער צאַרישער רעגירונג.

באַנטש־ברויעוויטש איז דער מחבר פון אַ פּאָר צעהנדליג ביכער, צווישען וועלכע זיין בוך „דער צייכען פון דער צייט" („זנאַמעניע ווריעמעני") וועגען ביילים־פּראָצעס, האָט אין זיין צייט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אויף דער רוסישער געזעלשאַפט.

באַנטש־ברויעוויטש איז אַריינגעטראָטען אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אַלס 19־יאָהריגער סטודענט מיט אַ יאָהר 40 צוריק. צו די באָלשעוויקעס איז ער צוגעשטאַנען מיט 28 יאָהר צוריק. באַלד נאָך דעם מינסקער צוזאַמענפאָהר פון 1903.

אַלע זיבע יאָהרען איז באַנטש־ברויעוויטש געשטאַנען אין ענגער פערבינדונג און נאָהענטער פערזענליכער פריינדשאַפט מיט לענינ'ען, וועלכער האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ זעהר ענערגישען טוער און גוטען אָרגאַניזאַטאָר, און איהם האָט לענין געגעבען ד יאויפגאַבע צו אָרגאַניזירען דעם סאָוויעטישען אַפּאַראַט.

אויף לענינ'ס אויפטראַג איז באַנטש ברויעוויטש פינף טעג נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע צוגעטראָטען צו אָרגאַניזירען דעם אַפּאַראַט פון סאָוונאַרקאָם (קאָמיסאַרען־ראַט) — די פערשידענע פאָלקס־קאָמיסאַריאַטען און די אַלגעמיינע פערוואַלטונג פון גאַנצען קאָמיסאַרען־ראַט. שעף פון דער סאָוונאַרקאָם־פערוואַלטונג איז בעשטימט געוואָרען ער אַליין, און ער איז עס פערבליבען ביז 1920.

פון דעם טאָג, וואָס לענין האָט זיך אומגעקעהרט קיין רוסלאַנד, ביז דעם 20־טען יאָהר, האָט באַנטש־ברויעוויטש, אַלס „איפּראַוולי־אַזשצי דיעלאַמי" (פערוואַלטער מיט אַלע ענינים) פון סאָוונאַרקאָם, מעהר ווי אימיצער אַנדערש געזעהן און געהאַט צו טון מיט לענינ'ען. און אָט די זכרונות פון ד ידאָזיגע יאָהרען פון ענגער מיטאַרבייטונג מיט לענינ'ען, איז געווידמעט באַנטש־ברויעוויטש'ס לעצטער בוך — „אויף די שלאַכט־פעלדער פון דער פעוואַראַלישער און אָקטאָבער־רעוואָלוציע".

מיר וועלען דאָ איבערגעבען דעם אינהאַלט פון בלויז איין קאַפּיטאַל, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט „דאָס שרעקליכע אין דער רעוואָלוציע" — אַ קאַפּיטעל, וואָס ווייזט אונז פון איין זייט די צושטערענדע סטיכישע עלעמענטען פון דער רעוואָלוציע, און פון דער צווייטער זייט — זייערע אָרגאַניזירענדיגע כחות, וואָס האָבען געצאַמט די ווילדע עלעמענטען.

עס איז געווען אַ חדשים דריי נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין לענינגראַד האָט געהערשט אַנאַרכיע און אונאָרדנונג. די דיסציפּלין און אָרדנונג פון די 1־טע טעג פון דער רעוואָלוציע איז שטאַרק געפאַלן. אַ בעדייטענדע טייל פון די אַרבייטער, סאָלדאַטען און מאַטראָזען איז געווען „אַנאַרכיסטיש" געשטימט, נישט אנערקענענדיג קיין מאַכט און קיין הערשאַפט. אין שטאָט האָבען געבאַלעבאַטעוועט שיכור'ע באַנדעס מאַטראָזען און סאָלדאַטען, עס זענען פאָרגעקומען רויבערייען, מאָרדען און „שיכור'ע פּאָגראָמען". גאַנצע מחנות אַרבייטער, סאָלדאַטען, מאַטראָזען, אַלערליי פערברעכערישע עלעמענטען און דער אָפּפאַל פון דער גרויסער שטאָט, האָבען פּאָגראָמירט וויין און בראָנפען־קעלערס, אָנגעטרונקען זיך טויט־שיכור און ראַבירט און געמאָרדעט יעדערען ווער ס'איז זיי געקומען אונטער'ן האַנד.

בלויז אין דער איין נאַכט פון 3־טען אויפ'ן 4־טען דעקאַבער, איז פערצייכענט געוואָרען אין פּעטראָגראַד 69 פּאָגראָמען און זעקס הונדערט מיט עלף (611) אַנדערע קרימינעלע פערברעכענס. ווי־פיל נישט פערעגיסטרירטע פערברעכענס עס זענען אין דער נאַכט און אין אַלע אַנדערע נעכט בעגאַנגען געוואָרען אין פּעטראָגראַד — דאָס איז שווער אויסצורעכענען.

די לאַגע איז געווען זעהר ערנסט, ווייל אָט ד יאַלע עלעמענטען האָבען יעדע מינוט געקאָנט ווערען אַן ערנסטע געפאַהר פאַר דער רעוואָלוציע. ס'האָבען דעריבער געמוזט אָנגענומען ווערען אויסערגעוועהנליכע מיטלען איינצוצאָמען די ווילדע קרעפטען, איידער עס ווערט צו שפּעט. דעם 4־טען דעקאַבער ווערט געגרינדעט אַ ספּעציעלער „קאָמיטעט פאַר קאַמף מיט פּאָגראָמען", אין שטאָט ווערט ערקלערט בעלאַגערונגס־צושטאַנד, אַלערליי מיטינגען און פערזאַמלונגען ווערען פערבאָטען און עס ווערט אָפּגעגעבען אַ בעפעהל צו שיסען אויף די פּאָגראָמטשיקעס און רויבער באַנדעס פון מאַשין־ביקסען און קוילענוואַרפער אָהן שום התראה.

די אָפענע פּאָגראָמען און ראַבירונגען האָבען אויפגעהערט, אָבער קיין בראָנפען האָט אין שטאָט נישט געפעהלט און די שטימונג אין פּעטראָגראַד איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע.

און אָט אין אַזאַ אָנגעשטרענגטען מאָמענט, ווען באַנטש־ברויעוויטש מיט פיער אַרבייטער קאָמיסאַרען זענען איינמאָל געזעסען אין איינעם פון די צימערען פון סמאָלני אינסטיטוט, וואָס איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון דער גאַנצער מלוכה־מאַכט, און האָבען בעטראַכט פלענער פון קאַמף מיט דער אַנאַרכיע — איז אין צימער אַריין אַ פלאַקס־האָריגער מאַטראָז פון פלאָט־גוואַרדיע און, ווענדענדיג זיך צו באַנטש־ברויעוויטש האָט ער אומרוהיג געזאָגט, אַז ער מוז גלייך איבערריידען מיט איהם אויף אויג וועגען זעהר אַ וויכטיגען און דרינגענדען ענין.

באַנטש־ברויעוויטש האָט געהייסען די קאָמיסאַרען אָבגעהן אָן אַ זייט. דאַן האָט זיך דער מאַטראָז איבערגעבויגען צו איהם און איינגערוימט:

— ביי אונז אין עקיפּאַזש (שיף־מאַנשאַפט) איז אַ בונט! זיי האָבען בעשלאָסען נעהמען די מאַכט אין זייערע אייגענע הענט. זיי אַרעסטירען מענשען... שיכור'ן, פערשטעהט איהר מיך, אָנגעבראַכט פון שיף פולע קאַזאַרמעס מיט געוועהר, מיט באָמבעס... אַרעסטירט אויפ'ן גאַס דריי אָפיצירען — און ווילען זיי צושיסען...

(המשך זונטאָג)

ד. וואלין.

דאס עלעגאנטע לאדן

קויפט אין די גאַנצע קאסמעטיק נאר אין דער ערשטער רענאמירטער

קאנקורענץ־פערפומעריע

פון דער פירמע

J. DRUKIER

ZAWADZKA 5, TEL. 175-92

וואס בעזיצט צום איצטיגען זומער־סעזאן דעם רייכסטען אויסוואַהל פון די בייעסטע

פערפומען, טואלעט־וייפען, קרעמען, פודערן, קעלנישע בלומען וואסערן

בעמערקונג: ביי יעדען איינקויף ווערט צוגעגעבען א קופאן אויף ווערטפולע פרעמיעס. פאר אנגראָסיסטען בעדייטענדער ראבאט. פאר אנגראָסיסטען — ראבאט

קלאנג־פילם־טעאטער „CASINO"

היינט און פאלג. טעג!

די לאנג נישט־געזעהענע וואונדערשעהנע Marcela ALBANI, IGO SYM אין די בעסטע קרעאַציעס אין פילם

„די איבערלעבענישן פון איין נאכט"

אויסער'ן פראגראם: קלאנג־וואכען־זשורנאַל פון „Fox" ווי אויך צייכנונגס־גראטעסק: אין קאבארעט פון חיות.

אָנהויב פון די סעאַנסען 6 אַ זייגער נאָכט. יום־טוב אָנהויב 12 אַ זייגער בייטאָג. פרייזען פון די פּלעצער אויף די פריהמאָרגען־פאָר־שטעלונגען צו 50 גר. און 1 זל.

מען שרעקט
און מען בערוהיגט

דער 15־טער אויגוסט איז געוואָרען דער שרעקענס טאָג פאַר די יודען אין ארץ ישראל.

דער 15־טער אויגוסט איז דער טאָג, אויף וועלכען די אַראַבער האָבען גערופען צו פּראָטעסט־מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס אין א״י.

די אַראַבישע פרעסע האָט גערופען און אַגיטירט פאַר אָט די מיטינגען אַ צייט לאַנג און קיינער האָט זי נישט געשטערט אין דער דאָזיגער העצערישער אַרבייט.

ערשט דאַן, ווען די העברעאישע פרעסע האָט אָנגעהויבען שטעלונג צו נעהמען צו אָט די העצע־אַרטיקעל פון דער אַראַבישער פרעסע און אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די פאָלגען, וואָס דאָס אַלעס קאָן האָבען, האָט דער נציב העליון סער טשענסעלאָר גערופען צו זיך די פאָרשטעהער פון דער העברעאישער און פון דער אַראַבישער פרעסע און זיי געוואָרענט, די אַראַבישע, אַז זי זאָל נישט העצען און די יודישע ווידער, אַז זי זאָל בערוהיגען.

סער טשענסעלאָר האָט געזאָגט, אַז די רעגירונג וועט בשום אופן נישט דערלאָזען צו קיין אַרויסטרעטונגען מצד די אַראַבער.

אמת, די דאָזיגע ערקלערונג פונ׳ם הויך־קאָמיסאַר האָט בערוהיגט צום טייל די געמיטער, וועלכע געדענקען נאָך גוט די אָב־געשעהענישען פון פאַר צוויי יאָהר.

אָבער פון דער אַנדער זייט טוען די אַראַבער אַלץ, וואָס זיי קענען, אַז די מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס זאָלען זיי געלונגען.

אַפילו דער טייל, וואָס שטעהט אין פּאָליטישער געגנערשאַפט צום מופטי, האָט זיך אין דער בעציהונג מיט איהם פעראייניגט און זוכט צו שטיצען די אַגיטאַציע פאַר דעם געלונגען פון די דעמאָנסטראַציע־מיטינגען.

מיר הערען אויך פון פערשידענע פאַלען, ווי מען כאַפּט און מען קאָנפיסקירט קאַסטענס מיט געוועהר, וואָס זענען געווען בעשטימט פאַר די אַראַבער.

מיר וויסען אַלזאָ פון דעם, וואָס מען כאַפּט, וויפיל אָבער בעקומט זיך אַריין אין לאַנד אַריין און די קאָנטראָלע אויספּיעט נישט צו ענטדעקען ? !

די מוזולמענער גרייטען זיך איצט, ווי עס איז צו זעהען פון די אויפרופען זייערע וועלכע עס געלונגט אָבער צו בעקומען אויף דער זייט, נו אַ דעצידירענדען קלאַפּ געגען די יודען, געגען ענגלאַנד, יאָ, אַפילו געגען די אַראַבער־קריסטען.

אין די אויפרופען, וואָס ווערען בסתר פערטיילט צווישען די אַראַבער ווערט גערופען צו אַ אויפשטאַנד און צו פערטרייבען אַלעס, וואָס עס איז נישט מוזולמעניש.

אין אמת׳ן זענען אונזערע ברידער אין א״י שוין נישט מעהר די גלות־איבערגעשראָקענע, וואָס עס זאָל נישט פאָרקומען, וועט מען זיי טרעפען צוגעגרייט.

אָבער, ווען מען דערמאָהנט זיך, צו וואָס פאַר אַ בלוט־פערגיסונג עס קאָן קומען צוליב די דה״ק, די העצערייען אויפגעוועקטע געמיטער, נעהמט אַרום אַ גרויל.

די בערוהיגונג מצד דער רעגירונג און איהר פערזיכערונג, אַז זי וועט נישט צולאָזען צו קיין שום אויסשרייטונגען ווערט דערפאַר בעגעגענט מיט דער געהעריגער אָבשאַצונג.

עס פרעגט זיך נאָר : צי וואָס לאָזט מען קומען דערצו, אַז מען זאָל אונז קודם שרעקען און דאַן נישט בעווייזען, אַז מען וויל אונז שיצען ?

אַביסעל נאָר עפענען ברייטער די טויערען אין ארץ ישראל פאַר אונז און מיר וואָלטען פערשפּאָרט אָט די אַלע צוזאָגעכצער.

מען וואָלט אונז נישט געשראָקען און מען וואָלט נישט בעדאַרפט אונז בערוהיגען...

ש.

דער פּאָליטישער מאָמענט
פראַנקרייך און דער קריזיס אין דייטשלאַנד

דער הובער־פּלאַן האָט געהאַט די כונה צו ראַטעווען דייטשלאַנד און די וועלט פונ׳ם קריזיס. כמעט אַלע מלוכות האָבען אויפגענומען דעם אַמעריקאַנישען מאָראַטאָריום מיט שמחה און זענען געווען גרייט איהם באַלד אויפ׳ן אָרט מקיים צו זיין. נאָר פראַנקרייך האָט אַרויסגעשטעלט בעדינגונגען. לכתחילה האָט פראַנקרייך בכלל נישט געענטפערט. מעהרערע טעג האָבען געדויערט די בעראַטונגען פון פראַנקרייך, האָט מורא געהאַט, אַז מיט דעם מאָראַטאָריום אויף אַ יאָהר וועט דייטשלאַנד זיך מתיר מאַכען און וועט אויפהערען צו צאָהלען די רעפּאַראַציעס.

אינגאַנצען אָפּוואַרפען דעם הובער־פּלאַן האָט מען אין פראַנקרייך נישט געהאַט קיין העזה. מען האָט נישט געוואָלט בעמען אויף זיך אַזאַ שווערע פעראַנטוואָרטליכקייט לגבי דער גאַנצער וועלט. פון דעם אַנדערען צד האָט מען געוואוסט, אַז דייטשלאַנדס ווירטשאַפטליכער חורבן וועט נישט בלייבען בעגרענעצט אויף דייטשלאַנד אַליין.

דער אָפּזאָג אין אַ מאָראַטאָריום פאַר דייטשלאַנד וואָלט געבראַכט אַ חורבן פאַר אַ סך אַנדערע וועלט־מלוכות. פראַנקרייך וואָלט אין דעם פאַל געוואָרען לגמרי איזאָלירט. מען וואָלט אויף איהר געקוקט, ווי אויפ׳ן מלאך המות פון דעם ווירטשאַפטס־לעבען. בכן האָט מען געמוזט דעם מאָראַטאָריום אָננעמען. מען האָט אָבער גלייכצייטיג אַרויסגעשטעלט בעדינגונגען, וועלכע האָבען דעם ענין ראשית אָפּגעשלעפּט און צווייטענס אָפּגעשוואַכט זיין פּעולה.

עס איז אַ גרויסער ספק, אויב דייטשלאַנדס קריזיס וואָלט געוואָרען אויסגעמיידען, אַפילו, אַז פראַנקרייך וואָלט אויפגענומען דעם הובער־מאָראַטאָריום מיט דער זעלביגער גרייטקייט און אַזוי אומבעגרענעצט, ווי די איבעריגע מלוכות. דער קריזיס פון דייטשלאַנדס ווירטשאַפט האָט סוף כל סוף זיין סיבה אין דער אָרגאַניזאַציע פון דייטשלאַנדס ווירטשאַפטס־לעבען גופא. די דייטשע אינדוסטריע האָט זיך צו גיך און צו שטאַרק נאָכ׳ן קריג ענטוויקעלט. פאַר׳ן קריג האָט מען בעקומען רויה־שטאָף פון די אייגענע קאָלאָניעס. נאָכ׳ן קריג האָט מען געמוזט רויה־שטאָף קויפען און אַרויספיהרען גרויסע קאַפּיטאַל־סומען. די קרעדיט־ווירטשאַפט אין דייטשלאַנד איז געוואַקסען איבער יעדער מאָס. די פּראָדוצירטע סחורה האָט מען נישט געקאָנט פערקויפען און זי איז געבליבען ליגען, אָפּוואַרטענדיג בעסערע צייטען. די פּרייזען זענען געפאַלען, כדי צו פּראָדוצירען פונדאַסניי האָט מען געמוזט בעמען נייע קרעדיטען. די גרויס־באַנקען אין דייטשלאַנד האָבען אָבער נישט געהאַט גענוג קאַפּיטאַל. מען האָט געמוזט מאַכען אויסווערטיגע הלואות. און עיקר האָט מען זיך געהאָלפען מיט קורצטערמיניגע הלואות פון ענגלאַנד, פון אַמעריקאַ און פון פראַנקרייך. די הלואות האָט מען אַלע מאָל פערלענגערט. מען האָט געאַרבייט אין דייטשלאַנד נישט מיט אייגענע, נאָר מיט פרעמדע קאַפּיטאַלען. אין דער רגע, ווען מען האָט געמוזט בעצאָהלען די אויסווערטיגע, קורצטערמיניגע הלואות, האָבען די באַנקען אָנגעוואוירען זייער קרעדיט־פעהיגקייט אויפ׳ן איבעראַליכען געלד־מאַרק. מען וואָלט מסתמא זיך נאָך געקאָנט העלפען אין לאַנד גופא, אויב די פּאָליטישע לאַגע וואָלט געווען אַנ׳אַנדערע. צוליב די נצחונות פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען , וועלכע האָבען אָפען פּראָקלאַמירט, אַז זיי וועלען נישט בעצאָהלען קיין אַלטע חובות, האָט מען אין דייטשלאַנד גופא פערלוירען דעם צוטרוי צו די באַנקען און מען האָט אָנגעהויבען צוריק צו פאָדערען די באַנק־פּקדונות. די באַנקען האָבען אָבער דעם גרעסטען טייל פון זייערע קאַפּיטאַלען געהאַט אַריינגעלייגט אין קרעדיטען פאַר די פאַבריקען, אינדוסטריע־אונטערנעהמונגען און דעם וואַרען־האַנדעל. מיט דעם טייל פון די קאַפּיטאַלען האָט מען קיין שום אָפּעראַציעס נישט געקאָנט מאַכען. די קורץ־טערמיניגע הלואות האָט מען געמוזט צוריקצאָהלען. אין די באַנק קאַסעס איז נישט געווען קיין געלד, כדי אויסצוצאָהלען די בעלבאַטים פון די פּקדונות. אַזוי האָט געמוזט קומען דער קריזיס אין זיין גאַנצער מוראדיגקייט.

די וועלט אָבער, בפרט אַמעריקאַ און ענגלאַנד בעשולדיגען פראַנקרייך, אַז זי האָט גורם געווען דעם חורבן פון דייטשלאַנדס ווירטשאַפט און האָט בכן אויך אַריינגעבראַכט אַ חורבן און אַ ווירטשאַפטס־אַנאַרכיע אין דער גאַנצער וועלט. די פראַנצויזישע רעגירונג און די פראַנצויזישע עפענטליכקייט זוכט מיט אַלע מיטלען צו בעווייזען, אַז נישט פראַנקרייך, נאָר דייטשלאַנד אַליין איז שולדיג אין איהר בראָך. מען האָט מיט גרויס פּאַראַד און כבוד אויפגענומען בריינינג און קורציוס אין פּאַריז. לאַוואַל און בריאַן זענען געפאָהרען צוזאַמען מיט בריינינג און קורציוס קיין לאָנדאָן. מען האָט געפּלאַנעוועט און קאַלקולירט. מען האָט זיך פאַנאַנדערגעקליבען אין אַלע ווירטשאַפטס־דרכים פון דייטשלאַנדס לעבען. מען האָט זיך מטריח געווען מיט׳ן גוף און מיט דער נשמה. פראַנקרייך האָט געזוכט פאַר דייטשלאַנד אַ רעטונג נישט ווי אַ שונא, נאָר ווי אַנ׳אמת׳ער גוטער פריינד. מען וועט אויך להבא אַרויסווייזען די פולע גרייטקייט דייטשלאַנד צו העלפען. אָבער אַזאַ גרויסע הלואה, ווי דייטשלאַנד פאָדערט — אַ האַלב מיליאַרד פונט — איז פראַנקרייך נישט בכח צו געבען. די גאַנצע הלואה וואָלט אין עיקר געלעגען אויף פראַנקרייך. ענגלאַנד האָט נישט קיין מזומן פאַר אויסלאַנד. דער ענגלישער בודזשעט איז נישט אויסבאַלאַנסירט. ער האָט אַ גרויסען דעפיציט. אין דעם ענגלישען פינאַנץ־לעבען איז נאָכ׳ן קריג אַזאַ דערשיינונג נאָך נישט געווען. פראַנקרייך גופא האָט צוריקגענומען פון ענגלאַנד די קורצטערמיניגע הלואות. אויב פראַנקרייך וואָלט מסכים געווען אויף אַ גרויסער הלואה, וואָלט איהרע אייגענע ווירטשאַפט, איהרע פינאַנץ־קאַפּיטאַלען אַריינגעקומען אין אַ קלעם. היינט איז די פראַנצויזישע ווירטשאַפט געזונט. די וואַליוטע איז געזיכערט. דאָס לעבען האָט אַ גלייכוואָגיגקייט. פּסיכאָלאָגיש איז דער פראַנצויז רוהיג. די פראַנצויזישע זיכערקייט איז דאָ, אַ גאַראַנטיע פאַר דער זיכערקייט פון גאַנץ אייראָפּע. פראַנקרייך וואָלט אַפילו מסכים געווען אויף אַ הלואה פאַר דייטשלאַנד. די דייטשע ווירטשאַפט גיט אָבער נישט די נויטיגע גאַראַנטיעס. די קרעדיט־שיטה איז אין דייטשלאַנד אַ פאַלשע, טענה׳ן די פראַנצויזען. די דייטשע מלוכה האָט נישט קיין קאָנטראָל אויפ׳ן פערברויך פון קאַפּיטאַלען דורך דער גרויס־אינדוסטריע. מען פּראָדוצירט נישט לויט׳ן בעדאַרף פונ׳ם מאַרק און מעהרער ווי דער מאַרק האָט נויטיג...

אין פראַנקרייך בעשולדיגט מען אויך די דייטשען אין דעם, אַז זיי זענען נישט קיין פּאַטריאָטען. דאָס קלינגט טשיקאַווע. די בעשולדיגונג איז אָבער גאָר נישט אַזוי קרום. דער דייטש איז אַ שאָוויניסט, אַנ׳אתה־בחרתנו׳ניק, אַ בעל־גאוה, אַלץ, וואָס איהר ווילט, אָבער ער איז נישט קיין פּאַטריאָט. פאַרוואָס זענען מיר מחויב צו געבען דייטשלאַנד הלואות, אויב דער דייטשער קאַפּיטאַליסט מאַכט אַ ויברח מיט זיינע קאַפּיטאַלען קיין אויסלאַנד. די פראַנצויזען האָבען אויסגערעכענט, אַז 20 מיליאַרד מאַרק אין אַ מזומנ׳דיגער וואַלוטע האָט מען פון דייטשלאַנד אַריבערגעפיהרט אין די אויסלענדישע בענק. דייטשע קאַפּיטאַלען ליגען אין אַמעריקאַ, אין ענגלאַנד, אין דער שווייץ, און אין אַנדערע זיכערע לענדער. צוליב מורא פאַר פראַנקרייכס פאָדערונגען און פאַר דער נויטווענדיגקייט צו צאָהלען גרויסע קאַפּיטאַל־שטייערען, פיהרט מען פון דייטשלאַנד אַרויס אַלץ מעהר און מעהר געלד.

אויב מען זאָל העלפען דייטשלאַנד דורך הלואות מוז מען בכל אופן ווייניגסטענס האָבען פּאָליטישע קאָנצעסיעס. דייטשלאַנד מוז זיך אָפּזאָגען פון דער צאָל־אוניע מיט עסטרייך און מוז אונטערשרייבען איהר אָפּזאָג אויף די פּרעטענציעס בנוגע די גרעניצען אין מזרח־אייראָפּע א. אַז. וו.

די ויכוחים צווישען פראַנקרייך, דייטשלאַנד און די איבעריגע מלוכות זענען נאָך נישט פערענדיגט. די פראַנצויזישע מיניסטאָרען וועלען נאָך קומען קיין בערלין. מען וועט זיך נאָך אַרויסזאָגען ברכות און מאַכען באַנקעטען. דער תהום אָבער פון דייטשלאַנדס ווירטשאַפט און פון דער וועלט־ווירטשאַפט וועט נאָך לאַנג בלייבען אָפען, אויב מען וועט נישט געפינען קיין געמיינזאַמען לשון, כדי צו ראַטעווען אייראָפּע פון אַ זיכערען טויט.

קריגערייען איבער קליינינגקייטען מאַכען חרוב גאַנצע אַראַבישע דערפער

—:=:)(:=:—

פערשידענע סאָרטען פערברעכענס צווישען די אַראַבער.— בלוט־נקמה וואָס ציהט זיך אין פערלויף פון דורות. — אָנפאַלען אויף פרויען

(אַ בריף פון ארץ־ישראל)

ווי ביי יעדען פאָלק, זענען אויך ביי די אַראַבער פאַראַן די פערשידענסטע טיפּען פון פערברעכער און פערברעכענס. לעצטע וואָך זענען אין פּאַלעסטינא פאָרגעקומען אַ רייה פערברעכענס צווישען די אַראַבער, וואָס צווינגען זיך צו פערטראַכטען וועגען איינעגע טיפּען פון אַראַבישע פערברעכער.

אָפט טרעפט, אַז גאַנצע פאַמיליעס און אַפילו גאַנצע דערפער ווערען אַריינגעשלעפּט אין אַזאַ בלוטיגען קאָנפליקט, און עס גיסט זיך בלוט יאָהרען לאַנג, ווייל קוים ווערט נאָר פערגאָסען דאָס ערשטע ביסעל בלוט, דאַן איז שוין שווער אָפּצוהאַלטען, ווייל נקמה מוז גענומען ווערען מיט בלוט פאַר בלוט. דאָס איז אַ הייליגע פליכט, אַ רעליגיעזער געבאָט.

אָט איז אַביסעל כראָניק פון היינטיגער וואָך.

נישט ווייט פון דער יודישער קאָלאָניע פתח־תקוה איז פאַראַן אַנ׳אַראַבישער דאָרף יהודיה, אַ גרויסער דאָרף, וואָס איז אויסגעוואַקסען אויף דער אַרבייט ביי יודישע קאָלאָניסטען אין די אָראַנזשען פּלאַנטאַציעס. אַ גרויסער דאָרף,—אַ סימן האָט איהר, אַז דאָ געפינט זיך שוין אַ פריזערוי. איז אַריינגעקומען איין אַראַבער און האָט זיך געלאָזט אָפּשערען די האָר. אַז דער פריזירמאַכער האָט געענדיגט זיין אַרבייט, האָט ער געפאָדערט פאַר דעם פינף סענט, — נישט קיין זעהר הויכען פרייז. דער אָפּגעשוירענער אַראַבער האָט געענטפערט, אַז ער אַנטלויפט נישט, ער וועט בעצאָהלען, און ער איז אַוועק.

פאַרנאַכט איז דער זעלבער אַראַבער פערבייגעגאַנגען די פריזערוי, האָט דער פריזירמאַכער ביי איהם געפאָדערט די פינף סענט פאַר זיין אַרבייט, האָט דער פריש־געשוירענער אַראַבער נישט פיל געטראַכט און זיך בעליידיגט אויף איהם, און אַנשטאָט צו בעצאָהלען, האָט ער איהם אויסגעזידעלט און געשאָלטען. האָט דער פריזירמאַכער איהם אויך געענטפערט מיט אַ וואָרט. דער גאַנצער געשפרעך האָט געדויערט אַ מינוט צייט. און ער האָט שוין געהאַט אַ מעסער אין רוקען. דער פריזירמאַכער איז געפאַלען אין אַ קאַלוזשע בלוט, זענען געקומען די קרובים פון פריזירמאַכער אָננעהמען זיך פאַר דעם פערוואונדעטען, זענען אויך געקומען קרובים פון דעם צווייטען צד, האָט מען זיך צושטאָכען מיט מעסערס. עס איז געוואָרען אַ שלאַכט־פעלד מיט פינף פערוואונדעטע, און דער פריזירמאַכער איז אין אַ געפעהרליכען צושטאַנד. ווען די פּאָליציי איז געקומען, האָט זי אַרעסטירט זעקס מענשען, אַנטיילנעהמער אין דעם קריג. דאָס אַלץ איז געווען צוליב פינף סענט.

אַ צווייטער פאַקט פון היינטיגער וואָך :

אַראַבער זענען געזעסען אין אַנ׳אַראַבישען קאַפע, האָט איינער פון די געסט גענומען ביי דעם צווייטען שוועבעליך צו פערויכערען אַ פּאַפּיראָס, ער האָט פערויכערט דעם פּאַפּיראָס און האָט נישט אָפּגעגעבען די שוועבעליך צוריק. האָט דער אייגענטימער פון די שוועבעליך געוואַרט אַביסעל, אפשר וועט יענער זיך דערמאָהנען און אָפּגעבען, אָבער דער רויכער האָט דאָס נישט געטון. געזעהן, אַז יענער איז נישט קיין דזשענטעלמען, האָט ער ביי איהם געפאָדערט אָפּגעבען די שוועבעליך.

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער חברה־מאַן האָט גאָרנישט בדעה אָפּצוגעבען די שוועבעליך. ער לייקענט [illegible] און ביין, ער האָט נישט גענומען קיין שוועבעליך און ער וועט זיי נישט אָפּגעבען. פערשטעהט זיך, אַז דער אייגענטימער קען אַזא עולה נישט פערשווייגען, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און פון די קעשענעס בעווייזען זיך מעסערס, — יעדער „אַנשטענדיגער" מענש האָט דאָ אַ מעסער אין קעשענע, — און איידער וואָס ווען, שטעהט שוין אַ קאַלוזשע בלוט. ביידע קענען אַרבייטען מיט מעסערס און ביידע זענען אַוועקגעפיהרט געוואָרען אין דער פּאָליציי מיט טיפע וואונדען פון שטילעטען, וואָס מען טאָר, אייגענטליך, נישט טראָגען ביי זיך.

פאַר דער פּאָליציי האָט דער אייגענטימער פון די שוועבעליך דערצעהלט די מעשה, ווי אַזוי ער האָט איהם אויסגעליען זיין פּעקעלע שוועבעליך און ער האָט זיי נישט צוריקגעקריגען. ער האָט נישט געקענט פערשווייגען דעם גנב און איז איהם אַריינגעפאָהרען מיט אַ מעסער. אָבער דער גנב פון די שוועבעליך האָט איהם נישט ווייניגער פערוואונדעט. ביידע האָבען געמוזט אַוועק אין שפּיטאָל. די וואונדען זענען געפעהרליך.

אָדער נאָט אייך גאָר אַ „ביבלישע" געשיכטע :

עס איז שניט־צייט, עס איז פריהליך אויפ׳ן פעלד. מען שניידט דעם ווייץ. עס איז אַ גוטע צייט אויך פאַר די פּאַסטוכער, וואָס פּאַשען זייערע שאָף. באַלד נאָך דעם שניט איז אויפ׳ן פעלד פאַראַן אַ בעסער גרעזעל פאַר די שעפּעלעך. אויף די פעלדער פון דאָרף טראַזא נעבען שכם האָט מען געשניטען ווייצען. האָבען זיך געטראָפען צוויי פּאַסטוכער מיט זייערע סטאַדעס אויף איין פעלד. וויל יעדער איינער פון די פּאַסטוכער, אַז זיין סטאַדע זאָל פערכאַפּען די גוטע גרעזעלעך פון אונטער דעם שניט. יעדער האָט ליב זיין סטאַדע און זאָרגט פאַר אַ גוטען ביסען פאַר זיינע שעפּסעלעך. האָבען זיי זיך צוקריגט, האָט איינער אַרויסגענומען אַ מעסער און אַריינגערוקט דעם צווייטען און איהם אַוועקגעלייגט אויפ׳ן אָרט אַ טויטען, און ער האָט פערטריבען די סטאַדע פון זיין געגנער, און זיינע ליבע שעפּעלעך זענען געבליבען אַליין אויף דעם פעלד [illegible] די שניטער און געקייעט די גוטע גרינע גרעזעלעך פון אונטער דעם שניט.

דערווייל איז מען געוואויר געוואָרען אין דאָרף וועגען דעם מאָרד. זענען די קרובים פון דערמאָרדעטען פּאַסטוך געקומען צו לויפען אין פעלד. דער מערדער האָט זיך אָפּגעטראָגען און איז אַנטלאָפען. אָבער מען מוז האָבען בלוט. וואָס זשע האָבען געטון די קרובים פון דערמאָרדעטען ?

זיי האָבען זיך נוקם געווען אין דער סטאַדע פון מערדער, זיי האָבען געכאַפּט די שעפּסעלעך און אויסגעקוילעט ביז איינס, אַזוי האָבען די שעפּסעלעך בעצאָהלט מיט זייער לעבען פאַר דער געטריישאַפט פון זייער פּאַסטוך, וואָס האָט זיי פערזאָרגט מיט גרינע גרעזעלעך, און אַזוי האָט אַ פּאַסטוך בעצאָהלט מיט זיין לעבען פאַר זיין איבערגעבענקייט צו זיינע שעפּעלעך. דעם מערדער

(ווייטער זעה 15־טע זייט).

היינט און פאָלג. טעג !
אַ זעהר סענסאַציאָנעלער פילם א. נ.
דער געהיימניספולער
דזשעמס
סענסאַציאָנעלע אַוואַנטורעס פון
דעם עלעגאַנטען איינברעכער.
אין די הויפּראָלען: וויליאַם היינעס.
מאַרי דען (סלים)
אין צוגאָב־פּראָגראַם : גלענצענדע קלאַנג־
צוגאַבען און לאַנד־אַקטואַליטעטען.

אָנהויב אין געוועהנליכע טעג 5 נאָכמיטאָג
שבת, זונטאָג און יום־טוב 3 בייטאָג
פּאָפּולערע פּרייזען.
אויפ׳ן 1־טען סעאַנס 50 גר. און 1 זל.
דער זאַל איז מעכאַניש ווענטילירט.

לאדז, 14 אויגוסט 1931

נייער פאלקסבלאט

לאדז, 14 אויגוסט 1931

אלטער ייד. צענטער ליגט צו־שמעטערט, דער נייער נאך נישטא

פון ש. ניגער

.1

עס האט אונז אלעמען שוין דערעסען דאס אייביגע „מיר און זיי“. עס וואלט זיך וועלען שוין אויפהערן צו אתה־בחרתנו׳ווען, פון איין זייט און צו גיסען, פון דער אנדערער זייט, ביטערע טרעהרען אויף אונזער ביטערער מערכה. דערהויפט — ווען מען קוקט זיך צו צום לעבען פון מזרח־אייראפעאישע לענדער. וואו נאר מען קעהרט זיך און מען ווענדט זיך, שטויסט מען זיך אן אויף דעם אלטען און אייביגען „מיר און זיי“.

און נישט וועגען איינציגע פּרטים רעדט זיך דא. נישט בלויז עקאנאמיש אדער פּאליטיש אדער קולטורעל איז די לאגע פון אזעלכע פעלקער, ווי די פּאליאקען, די אוקראינער, די ליטווינער, די לעטען, די עסטן בעסער, ווי אונזער לאגע. די גאנצע היסטארישע סיטואציע, אלע מעגליכקייטען פון ווייטערדיגער נאציאנאלער ענטוויקלונג האבען זיך פאר די דערמאנטע פעלקער געענדערט, זינט נאכ׳ן וועלט־קריג, צום בעסערען, פאר יודען — צום ערגערען.

.2

גאולה און גלות — דאס זענען די צוויי ווערטער, וואס בעטען זיך אויפ׳ן צונג.

גאולה פאר א גרויסען טייל פון די פעלקער, וועלכע זענען פריהער געווען פערשקלאפט, גלות — פאר יודען, א נייער גלות...

און ווען איך רעד וועגען זייער אויסלייזונג, ווייס איך זייער גוט, אז עס איז נישט קיין גאולה שלמה. עס איז געבליבען די סאציאלע אומגלייכהייט, די עקאנאמישע קנעכטשאפט פון די מאסען די בויט, די אָרימקייט, און זי איז איצט נאך שוידערליכער, ביטערער, ווי פריהער. אבער דאס איז א וועלט־פראגע, א מכּת־מדינה, און זי קען פערענטפערט ווערען נאר אין אנ׳אלוועלטליכען מאסשטאב. ווי ווייט די פעלקער, וועלכע זענען געלעגען אונטער׳ן קנאפּל פונ׳ם רוסישען צאר, פונ׳ם עסטרייכישען קייזער, האבען געליטען, ווי פעלקער, ליידען זיי איצט ווינציגער אדער זיי ליידען גאר נישט. זיי זענען זעלבסטשטענדיג און זייער גורל ליגט אין זייערע אייגענע הענד. יעדעס פון זיי האט זיין אייגענע רעגירונג און אויב זי טויג נישט, איז עס זיין אייגענע שולד אדער די שולד פון זייבע הערשענדיגע קלאסען. יעדעס פון זיי האט די מעגליכקייט (ווי ווייט עס איז דא ביי דער עקזיסטירענדער ארדנונג א מעגליכקייט) פון נאציאנאלער זעלבסטבעשטימונג און פרייער קולטורעלער ענטוויקלונג...

יא, מען מוז טראכטען, ווען מען מאכט א רייזע איבער ליטע, לעטלאנד אדער פוילען, אז אויב פראנקרייך, ענגלאנד און אמעריקא האבען געוואונען דעם קריג, זענען די נייע מלוכות די איינציגע, וועלכע האבען פון איהם געוואונען. מעג ווי שווער זיין פאר זיי די עקאנאמישע און פּאליטישע קאנטראלע פון זייערע „בעפרייער“, די דערמאנטע גרויסמאכטען, — איז דאך א פאקט, אז זיי זענען ארויס פון מצרים און אז זיי האבען, אזוי ווי אמאל יודען, פערכאפּט אדער גע׳ירשנט א היבש ביסעל גוטס פון זייערע פריהערדיגע בעלי־בתים... דאס איז מיר קלאהר געווארען, ווען איך האב געקוקט און שפּאצירט איבער די גאסען פון ווארשע, קאוונע, ריגע, ווילנע.

אין זייערע הויפּט־שטעט קענט איהר טרעפען וויסענשאפטסלייט, מוזיקער, מאלער, טעאטער־קינסטלער, אפילו שריפטשטעלער, וואס פריהער האבען זיי אפּגעגעבען זייער כּוחות דער רוסישער קולטור און איצט בעווייכערען זיי און העלפען ענטוויקלען די וויסענשאפט, די קונסט, די שפּראך פון דעם ליטווישען, לעטישען אדער פוילישען פאלק...

.3

אבער ווי האלט עס מיט אונז יודען? זענען מיר אויך אויסגעלייזט געווארען פונ׳ם פריהערדיגען גלות?

אויב מיר זענען אויסגעלייזט געווארען, איז עס נאר כּדי אנצוהויבען א נייעם, אפשר נאך א געפעהרליכערען גלות.

וואס איז אזוינס גלות?

דאס איז, ערשטענס, וואנדערונג. צווייטענס, די צושטערונג פונ׳ם אלטען צענטער און דריטענס, — די איינציגע טרייסט — דאס אנהויבען שאפען א נייעם נאציאנאלען צענטער.

אין די אלע דריי פּרטים געפינען מיר זיך זייער נישט אין קיין גינסטיגער לאגע.

זינט נאכ׳ן קריג זענען מיר אין מזרח־אייראפּע געווארען נאך מעהר וואנדער־פאלק, ווי מיר זענען עס געווען פריהער. און בעת די כּוחות פון אונזערע שכנים זענען אויפגעזאמעלט געווארען זענען אונזערע צובראקעלט און צושטויבט געווארען.

הונדערטער טויזענטער יודישע משפּחות האבען פערלאזען, פערלוירען זייער אלטע היים און צוזייט און צושפּרייט געווארען איבער אלע זיבען ימען. נאך מעהר הונדערטער, נאך מעהר טויזענטער פאמיליעס ווילען, מוזען עמיגרירען — און האבען נישט וואוהין, דאס איז דער ערגסטער גלות, וואס קען נאר זיין. עס איז שלעכט און ביטער צו זיין א נע־ונדניק, א וואנדערער, נאך ביטערער און פינסטערער איז צו מוזען אויסוואנדערן — און נישט האבען וואוהין. דאס איז א צווייענדיגער גלות: אייבע פערלאזען זייער היים, ווייל זיי מוזען זי פערלאזען, אנדערע האבען נישט קיין היים, כאטש זיי בלייבען אויפ׳ן ארט, ווייל זיי בלייבען נאר דער פאר, וואס עס איז נישטא וואוהין צו גיין....

אבער נישט נאר אין דעם וואנדערען און נישט נאר אין דעם מוז און אין דער גרייטקייט צו וואנדער׳ען בעשטייט דער נייער גלות. ער דריקט זיך אויס אויך אין דעם, וואס די אלע מיליאנען יודען פון מזרח־אייראפּע, וועלכע האבען פריהער געוואוינט אונטער איין דאך און געהערט צו איין גרויסען און מעכטיגען יודישען קיבוץ, דעם יודישען קיבוץ פון דעם געוועזענעם רוסלאנד, זענען איצט צופאלען געווארען אויף עטליכע קלענערע און גאר קליינע יודישע קיבוצים. דער אלטער אייבגעפונדעוועטער יודישער צענטער איז צושטערט געווארען; קיין נייע צענטערס זענען נאך נישט אויפגעקומען. און ביי דער איצטיגער לאגע ווערלען זיי נישט אזוי גיך בעשאפען ווערען.

נעמט די מאדערנע יודישע שול. אין יעדען לאנד איז דא א צענטראלע יודישע שול־ארגאניזאציע. אבער עס איז נישט קיין אלגעמיינער צענטער, ביי וועמען קיין פיהרערשאפט, וועלכע זאל די אלע „צענטראלע“ ארגאניזאציעס פעראייניגען און אויפהויבען איבער די ארטיגע זארגען, איבער די לאקאלע האריזאנטען. מען גרייט צו פּראגראמען אין יעדען לאנד בעזונדער, מען גרייט לעהרער און אפט אפילו לערנביכער, אבער מען האט נישט גענוג כּוחות און א גענוג ברייטע פּערספּעקטיווע אויסצואַרבייטען פּעדאגאגישע מיטלען און פּעדאגאגען, וועלכע זאלען באמת קאנען שאפען א נייע שול פאר׳ן יודישען פאלק, א שול, וואס זאל איהם פיהרען אויף נייע וועגען, צו נייע צילען. דאס איז דאך די גרעסטע רעפארם אינ׳ם פאלקס־לעבען די טיפסטע ענדערונג אין זיין בעוואוסטזיין. אזא טיף גייענדיגע רעפארם וואלט געדארפט דורכגעפיהרט ווערען מיט דער גרעסטער פעראנטווארטליכקייט און ביי דעם אנטייל פון די בעסטע כּוחות פון פאלק. מען וואלט זיך געדארפט (געווים רעכענען דערביי מיט די ארטיגע אומשטענדען, אבער — נאך מעהר מיט די אלגעמיינע צילען פון דער יודישער קולטור און איהר איבערוויגסטער היסטארישער איינהייט. ביי דער איצטיגער לאגע איז עס אונמעגליך, וואָרים וויבאלד אז עס איז נישטא קיין גרויסער אנערקענטער צענטער, איז מען אין יעדען ארט אנגעוויזען אויף די אייגענע כּוחות און מען פאסט זיך מעהר צו צו די ארטיגע ווי צו אלגעמיינע „נאציאנאלע אויפגאבען.

איז אין דעם געגעבענעם ארט שטארק די ווירקונג פון א געוויסער גרופּע, ווערט זי די פיהרערין און די טאנגעבערין פון די שולען; איז ערגיץ אנדערשוואו אנ׳אנדער גרופּע ביים רודער, קערעוועט זי דאס שיפעל פון דער נייער יודישער דערציהונג.

דאס ערגסטע איז, וואס די לאקאלע כּוחות, וועלכע ריכטונג זיי זאלען נישט האבען, זענען צו ארעם, צו קליין, אז זיי זאלען קאנען זיך אפּרופען אויף די פערשידענע פאדערונגען און צופרידענשטעלען די פילזייטיגע בעדערפענישען פון דער נייער יודישער שול.

און אזוי איז עס אויך אין דער פּרעסע און אין דעם טעאטער־לעבען און אין דער ליטעראטור.

און ווען מען פערגעסט עס נישט, איז אפשר נאך ערגער, וואָרעם דאן איז שוין נישטא קיין שום אוטאריטעט, אפילו נישט קיין ארטיגער, און — איש הישר בעיניו יעשה.

דאס איז, פערשטייט זיך, שייך דערהויפּט צו די קליינע יודישע קבוצים.

ביי די גרעסערע, ספּעציעל ביי דעם פוילישען יודישען קיבוץ, איז דער לאקאליזם נישט אזוי געפעהרליך, עס איז דאך א לאקאליזם. און עס איז קיין וואונדער נישט, וואס ווארשע און ווילנע זענען פאר דער יודישער ליטעראטור איצט נישט דאס, וואס זיי זענען געווען אמאל. ווען אפילו עס זאל זיך ווייזען דארט א פּרץ, וועט ער נישט האבען די ווירקונג און נישט געפינען דעם אפּקלאנג פון דעם אלטען פּרצ׳ן, וועלכער האט געהאט אזא ווייטען, אזא ברייטען בליק, אז אפילו שלום־עליכם איז געווען אין זייבע אויגען (על־פּי טעות, פערשטייט זיך) „שלום־עליכם פון וואלין“. ביי די איצטיגע אומשטענדען קאן נאר אזא עקסטעריטאריאלע יודישע קולטור־אינסטיטוציע ווי דער יודישער וויסענשאפטליכער אינסטיטוט אין ווילנע זיך ראטעווען פון דעם געפאהר פּראוויגציאליזירט צו ווערען. אויף אלע אנדערע ארגאנען פון דער יודישער קולטור־לעבען לויערט די געפאהר.

און זי איז אלץ גרעסער, וואס ווינציגער מען ווייס פון איהר, וואס ווינציגער מען זוכט זיך צו פערהיטען פון איהר. זי איז דערפאר שטארקער אין רוסלאנד און אין פּאלעסטינע. דארט איז ביז לעצטענס קיינעם גארנישט איינגעפאלען אפילו צו טראכטען, אז מען טאר נישט זיין אריינגעטון נאר (און זיך אליין. פערקעהרט, מען איז זיכער דארט, אז נאר דאס, וואס ווערט געשאפען אויפ׳ן ארט, האט א רעכט און א האפענונג צו עקזיסטירען.

אין ראטען־פערבאנד זאגט מען: „מיר, און נאר מיר אליין, טוען עפּעס און קענען עפּעס (סון פאר דער ליטעראטור אדער דעם טעאטער אדער דער וויסענשאפט אויף יודיש. אלץ וואס טוט זיך דארט, אויף יענער זייט, איז פון סטרא אחרא — און זאל עס גיין צום טייוועל!“

אין פּאלעסטינע איז די זעלביגע יענטע, נאר אנדערש, פרימער, געשליייערט. אין פּאלעסטינע זאגט מען: „דאס יודישע פאלק — דאס זענען מיר; יודישע קולטור שאפען מיר, און נאר מיר אליין זענען איהרע רעטער, איהרע ריטער“.

אבער אין ארץ־ישראל האט מען, לעצטענס, אנגעהויבען צו פילען, אז ס׳איז עפּעס נישט גלאט. מען האט זיך ארומגעזעהען, אז א ... טער, און אויך א גייסטיגער צענטער, קען האבען א קיום נאר דאן, ווען עס איז דא א פעריפעריע. ער קען האבען א ווירקונג, ווען ער קומט אין בעריהרונג מיט די, וואס אויף זיי וויל ער ווירקען. ער קען זיי עפּעס געבען, ווען אויך זיי גיבען איהם עפּעס. נישט בעמען גארנישט ביי אנדערע יודישע צענטערס, אפּגעריסען ווערען פון זיי — הייסט אויפהערען צו זיין אליין א פיהרענדיגע קראפט, הייסט ווערען איינגעדארט, אויסגעטריקנט; הייסט אויפהערען צו סימבאליזירען מיט זיך דאס יודישע וועלט־פאלק און ווערען א קליין אפּגעריסען שבטי׳ל, אנ׳„אבר המדולדל“...

דאס האבען אנגעהויבען צו פערשטיין אזוינע ווי אשר בעראש אדער ד״ר ש. ראבינאוויטש.

דער ערשטער האט נישט לאנג געשריבען (אין „מלאכים“, תל אביב), אז „אויב עס וועט לאנג דויערען און מיר (ד״ה די ארץ־ישראל׳דיגע יודען) וועלען אלץ מעהר און מעהר אפּגעשניטען ווערען פון דעם וועלט־יודענטום און עס וועלען נישט זיין צווישען אונז קיין גייסטיגע, נשמה׳דיגע און קולטורעלע בעציהונגען, וועלען מיר זיך אראפּלאזען ביז צו דער נידריגער מדרגה פון א קהלה, וואס איז נישט ווערט, אז די וועלט, און אפילו די יודישע וועלט, זאל איהר שענקען אויפמערקזאמקייט!“ און ד״ר ראבינאוויטש איז, אויפ׳ן סמך פון דער זעלביגער לאגע, געקומען צום אויספיהר, אז אויב ארץ־ישראל וועט זיין דאס איינציגע לאנד, וואו עס איז דא א העברעאישע קולטור, וועט זי אויך דארט קיין קיום נישט האבען, ווייל זי וועט נישט האבען פון וואנען צו ציהען איהר יניקה.

אבער דאס זענען דערווייל איינציגע און איינזאמע שטימען. בכלל איז אומעטום שטארק די שטרעבונג צו זיין פאר זיך און צו מאכען פאר זיך שבת. און דאס קען פיהרען נישט נאר דערצו, אז עס זאל מקוים ווערען די נביאות פון אחד העם און אין יעדען לאנד זאל בעשאפען ווערען א בעזונדער יודישער שבט, דאס קען ברענגען נאך ערגערע רעזולטאטען. דאס קען גורם זיין, ערשטענס, אז אפילו ארץ־ישראל, וואס לויט אחד העמ׳ען, האט עס געזאלט ווערען דער גייסטיגער צענטער פון דעם יודישען פאלק, זאל זיין נישט מעהר ווי דער וואוינפלאץ פון א קליינעם ארטיגען יודישען שבט און דאס קען מאכען, צווייטענס אז יעדער יודישער קיבוץ זאל זיין נישט בלויז אנ׳אפּגעזונדערטער, נאר אויך אנ׳ארימער קיבוץ, אזא, וועלכער האט אליין פאר זיך נישט קיין גרויסע בעדייטונג, שוין נישט גערעדט וועגען אנדערע...

אט אין וואס עס בעשטייט דער נייער יודישער גלות.

ער בעשטייט אין דעם, וואס די אלטע היים איז צופאלען אויף שטיקער און נאך מעהר אין דעם, וואס די שטיקער זענען אפּגעריסען איינס פון דאס אנדערע, ווירקען נישט איינס אויף דאס אנדערע און בעפרוכפערען זיך נישט גגענזייטיג...

דער אלטער גרויסער יודישער צענטער איז צושמעטערט געווארען; קיין נייער איז נאך נישט בעשאפען געווארען.

אוטאפּיע אדער ווירקליכקייט

—=):o:(=—

פון דר. מעד. ה. רוזשאנער לאדז

—=):o:(=—

די ווענערישע קראנקהייטען ווירקען שעדליך נישט נאר אויף די אנשטעקענדע פּערזאן נישט בלויז אויף די נאהענטסטע מיטגלידער פון דער פאמיליע, — זיי האבען אויך א שטארקע השפּעה אויף דער גאנצער געזעלשאפט, אויפ׳ן גאנצען פאלק.

די שאדענס, וואס געשלעכטס־קראנקהייטען פערשאפען, איז כמעט אונמעגליך גענוי אפּצושאצען. עס איז כדאי בלויז צו דערמאנען דאס אין איין לאנד, פראנקרייך זענען אומגעקומען במשך 10 יאהר אזויפיל מענשען, וויפיל די גרויזאמער סטער וועלט־מלחמה האט דארט פערניכטעט בעת די 4 יאהר.

ווער קאן בערעכענען די אונגעהייער גרויסע הוצאות, וואס עס שלינגען איין די שפּיטעלער די אינוואלידען, די תפיסות, ווי אויך די משוגעים אנשטאלטען, וואס זייערע געסט פערדאנקען אין א גאנץ גרויסען פּראצענט־טייל, זייער אויפענטהאלט א ווענערישער קראנקהייט.

בעמענדיג דאס אלעס אין אכט, האבען געלעהרטע יאהרען לאנג זיך פערטיפט און חוקר־ודורש געווען. ווי אזוי ארויסצוראטעווען די ליידענדע מענשהייט פון דער געשלעכטליכער דזשומע — פון די ווענערישע קראנקהייטען. די בעמיהונגען אין דער דאזיגער ריכטונג האבען געבראכט און ברענגען ביידע פיל נוצען. זיי האבען דערפירט צו די ענטדעקונג פון סאלווארסאן צו די בענוצונג פון דער וואסערמאן־רעאקציע, לעצטענס אויך צו די בעהאנדלונג פון שווערע סיפיליס־קראנקע מיט מאלאריע - איינשפּריצונגען. עס איז אבער לייכט צו בעגרייפען, דאס אלע ענטדעקונגען זענען נישט בכח אויסצוראטען די ווענערישע געפאהר זיי העלפען א געוויסען טייל קראנקע פערקלענערען אין א געוויסע מאס די אנשטעקונגס־מעגליכקייטען, אבער ביז א ישועה שלמא איז עס נאך גאנץ ווייט.

איבטערעסאנט איז דעריבער דער פּראיעקט פון פּראפ. בונגע פון דער באזעלער אוניווערזיטעט, וואס שטרעבט ראדיקאל און אויף שטענדיג אויסצוראטען ד יווענערישע קראנקהייטען, ער פערשטעהט דאס זיין פּראיעקט איז שווער פּראקטיש אדורכצופיהרען, ער וועט האבען געגען זיך א גאנצע רייה געגנער, די אויסגאבען וועלען אויך בעטרעפען קאלאסאלע סומען. דאס אלעס אבער, לויט דער מיינונג פון פּראפ. בונגע, זענען נעבענזאכען, דארפען נישט בעאיינפלוסען ביים רעאליזירען זיין אידעע, ווייל די מענשהייט וועט בעקומען א גאנץ אנדער אויסזעהן, וועט ווערען ווי ביי־געבוירען באכדעם, ווי זי וועט זיך בעפרייען פון דעם שטאר קען און פיינליכען שונא, וועלכער זייגט אויס די בעסטע כּחות במשך פון הונדערטער יאהרען.

אין וואס בעשטעהט דער דאזיגער אייגענארטיגער פּראיעקט?

ד״ר בונגע פּראפּאנירט אדורכצופיהרען א געזעץ, לויט וועלכען יעדער אייבוואויבער מוז ביי זיך שטענדיג האבען א מין געזונדהייטס־פּאס. אין דאזיגען פּאס ווערען אריינגעטראגען נאטיצען וועגען דעם געזונד־צושטאנד, ספּעציעל אבער אין בעצוג צו ווענערישע קראנקהייטען. אלע איינוואוינער מוזען אין געוויסע טערמינען אונטערגעבען זיך א גרונדליכער מעדיציניגישער אונטערזוכונג, אין פאל, ווען עס ווערט קאנסטאנטירט וועלכע עס איז ווענערישע קראנקהייט, ווערט די בעטרעפענדע פּער זאן זאפארט איזאלירט, אין א ספּעציעלען שפּיטאל און פערבלייבט דארט ביז א פולשטענדיגע אויסהיילונג. אויף אזא אופן וואלטען די אלע, וועלכע טראגען אין זיך די ערדעגער פון ווענערישע קראנקהייטען נישט געהאט קיין מעגליכקייט ווייטער צו פערשפּרייטען זייער קראנקהייט און די ערדעגער מיקראבען וואלטען אויף אזא אופן פולשטענדיג פערשוואונדען, ווייל מחוץ דעם מענשליכען קערפּער איז זייער לעבענס־דויער זעהר א קורצע, געוועהנליך נישט מעהר ווי א פּאר שעה, — פּראפ. בונגע איז מסכּים מיט דעם אומשטאנד, דאס אזא מין האנדלונג ד. ה. דאס צונעמען די פּערזענליכע פרייהייט ביים צוואנגס־אונטערזוכען ווי אויך ביים צוואנגס־אינטערנירען, די קאלאסאלע ספּעציעלע שטייערן, וועלכע וואלטען געמוזט ארויפגעלעגט ווערען אויף די בעפעלקערונג, דאס אלעס איז, פערשטעהט זיך, אין דער אמת׳ן די נעגאטיווע זייט פון דאזיגען פּראיעקט „אבער, פיהרט אויס פּראפ. בונגע, עס איז דאך נישט ערגער ווי אין פאל פון א מלחמה, דאמאלס ווערט אויך בערויבט די פרייהייט, מען צאהלט שטייערן נישט נאר מיט געלד, נאר אפט אויך מיט׳ן לעבען, און דער־

(ווייטער זעה 12. זייט)

קאָמפּלעקסען

— קלאַנגען — און אָפּקלאַנגען

פון לעא קעניג

זאָגט בערנאַרד שאָו: יודען ליידען נישט פון מינדערווערטיגען קאָמפּלעקס נאָר פון איבערווערטיגען קאָמפּלעקס. דאָס הייסט, אַז יודען ליידען נישט דערפון וואָס זיי זענען צופיל אַראָפּגעפאַלען ביי זיך אין די אויגען, נאָר ווייל זיי זענען צו גרויסע בעלי גאוה׳ניקעס, אתה בחרתנו׳ניקעס.

אַזוי זאָגט דזשאָרדזש בערנאַרד שאָו. איז עס אפשר נישט אמת? מעגליך אַז ס׳איז יאָ אמת. אַלענפאַלס איז זיין סברה, אַז יודען זענען צו גרויסע אתה בחרתנו׳ניקעס פונקט אַזוי אמת ווי די מיינונג, אַז יודען זענען ביי זיך צופיל אַראָפּגעפאַלען.

ס׳איז בכלל איינע פון די עלאַסטישע אמת׳ן וועלכע לאָזען זיך אָנמעסטען אויף יעדען קבוץ, אויף יעדען פאָלק.

אויף וואָס פאַר אַ פאָלק פון די מאָדערנע פעלקער קען מען נישט זאָגען אין איין און דער זעלבער צייט און מיט אַ גלייכער מאָס אמת, אַז זיי ליידען פון די ביידע געגענזייטליכע קאָמפּלעקסען.

קען מען נישט זאָגען, אַז ענגלאַנד צום ביישפּיל ליידט אויפ׳ן קאָמפּלעקס פון איבערווערטיגקייט און דאָך קען מען אַזוי אָפט הערען ווי ענגלענדער בעקלאָגען זיך און גאַנץ אויפריכטיג: „מיר זענען ביי זיך צופיל אַראָפּגעפאַלען; אַלץ וואָס ס׳איז נישט ענגליש געפעלט אונז: דייטשע מוזיק און פילאָזאָפיע, פראַנצויזישע קונסט און ליטעראַטור, רוסישער באַלעט און טעאַטער״...

און דאָס אייגענע מיט די דייטשען, פראַנצויזען, פּאָליאַקען א. ז. וו.: זענען זיי צייטענווייז נישט צופיל שטאָלץ מיט זיך? און דאָך געפינט מען פעריאָדען ווען זיי זענען ביי זיך אַראָפּגעפאַלען און קוקען אַריבער מיט קנאה צו די שכנה׳שע פעלקער.

דער אומגליק מיט דעם מין גענעראַליזאַציעס איז וואָס מען מוז צוגעבען, אַז ס׳איז דאָ אין זיי אַ שטיקעל אמת.

ס׳איז ד׳ ימעשה מיט׳ן קלוגעטשקען יונגעלע וואָס לעגט אַרויף אַלע צושפּרייטע פינף פינגער אויפ׳ן סידור ווען דער רבי פרעגט איהם „וואו האַלטסטו?״ ער האָט דאָך אַ גוטען שאַנס מיט איין פינגער אָנצוטרעפען אויפ׳ן ריכטיגען וואָרט און אויף דער ריכטיגער שורה.

דאָס אייגענע געשעהט מיט די קלוגע אַבסטראַקטע גענעראַליזאַציעס: זיי מוזען דאָך מיט איין פינגער אָנטרעפען אויף איין קראַנקען אָרט. ווער שמועסט ווען זיי ווערען געמאַכט בנוגע גאַנצע פעלקער. אַ פאָלק איז „אַ וואָס אין דער קאָרט״. אַלע גוטע און שלעכטע מדות קען מען אין דער „קאָרט״ געפינען. אַלע קאָמפּלעקסען; אַלע גוטע און שלעכטע פּאַטענצען.

וואָס אַ שטייגער קען מען נישט זאָגען אויף אונז יודען? און וואָס אַ שטייגער קען מען זאָגען אויף אונז יודען וואָס מען זאָל עס פונקט אַזוי נישט קענען זאָגען בנוגע אַנדערע פעלקער?

יודען האָבען ליב געלד, און יודען זענען גרויסע בעלי צדקה; יודען זענען פחדנים און יודען האָבען אָהן אַ שיעור קדושים און מאַרטירער אַרויסגעגעבען; יודען האָבען אַ סך גרויסע מענשען אַרויסגעגעבען און אַ סך געמיינע כאַראַקטערען; יודען פערכאַפּען ד׳ ישענסטע פּראָפעסיעס און צו דער זעלבער צייט זענען זיי פּראָצענטניקעס, פרויען־הענדלער; יודען ליידען פון אתה בחרתנו און צו דער זעלבער צייט איז זייער פּסיכאָלאָגיע קנעכטיש אונטערטעניג; דער יוד איז אַ געוואַלדיגער יודישער פּאַטריאָט און דאָך איז ער גרייט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג איבערבייטען זיין שפּראַך; מיט איין אויג קוקט ער קיין ירושלים און ער ווייסט און פיהלט אַז „זיין לאַנד איז דאָ״ט וואו ער מאַכט אַ לעבען״...

מיט איין וואָרט, וואָס קען מען אַלץ נישט זאָגען און מיט דער זעלבער מאָס גערעכטיגקייט אויף אונז יודען.

און די אַלע אויסגערעכענטע געגענזעצליכע „יודישע מדות״ קען מען אין אַ שטאַרקערער אָדער אַ שוואַכערער מאָס געפינען ביי אַלע אַנדערע „נאָרמאַלע״ פעלקער אפילו.

אַ סך מאָל דאַכט זיך מיר, אַז אפילו די בעריהמטע יודישע גלות־פּסיכיק איז נישט ריין יודיש. פערקעהרט, מיר יודען קענען שוין נישט דעם טעם פון גלות, ווייל מיר זענען שוין צו איהם אַזוי צוגעוואוינט, ווייל דער גלות איז אונז דער „פאָטערלאַנד״, די ענגלישע עמיגראַנטען אין קאַנאַדע און אין אויסטראַליע, די יודישע און איטאַליענער אין אַמעריקאַ וויסען אפשר מעהר וואָס גלות איז ווי די אייביגע וואַנדערער.

און ווייטער זענען דאָ דאָך די ביידע עקסטרעמע קאָמפּלעקסען ווי אַלע פּסיכישע עקסטרעמען נישט פערוואַנדט? ס׳איז אַ בעקאַנטע זאַך: די שטאָלצסטע באַטור׳ען, אָט די וואָס גלויבען, אַז זיי זענען די שעפּפעריסטע, די גרעסטע, האָבען זעהר אָפט אָט די אָנפאַלען פון מרה שחורה און געפאַלענקייט פון געמיט ווען זיי גלויבען, אַז זיי זענען גאָרנישט שבגאָרנישט. און וואָס שטאַרקער ס׳איז די מאַגיע פון גרויסקייט אַלץ טיפער און שוואַרצער איז דאָס פאַלען פון געמיט

דער העכסטער באַרג קוקט אַראָב צום טיפסטען תהום; פון אַ טיפען פינסטערען תהום זעהט מען אפילו ביי טאָג די פינקעלדיגע שטערען אין הימעל.

אַ סך פּסיכאָלאָגען גלויבען, אַז דער איבערווערטיגער קאָמפּלעקס איז אין דער אמת׳ן אַ פועל יוצא און אָפט אַ קאָמופלאַזש פון טיפער פּסיכישער געפאַלענקייט; פונקט ווי די טיפע געפאַלענקייט איז אָפט בלויז אַ רעאַקציע פון צו שטאַרקען גלויבען און שטאָלץ מיט זיך.

קען מען דעריבער גלויבען, אַז יודען ליידען גלייך פון די ביידע קאָמפּלעקסען: אי פון צופיל שטאָלץ אי פון צו גרויסער געפאַלענקייט.

ס׳איז ד׳ ימעשה מיט׳ן יודען וואָס לאַכט ווען דער פריץ שמייסט איהם, ווייל ער ווייסט בעשיינפערליך אַז דער פריץ וועט אַראָפּפאַלען פון דער אייזערנער בריק.

דער קנעכטיש־שטאָלצער „הכל לפי המבייש״...

זאָגט בערנאַרד שאָו אַז יודען דאַרפען זיך בעפרייען פון זייער איבערווערטיגקייט קאָמפּלעקס? געוויס איז אַ מצוה פון אַזאַ איינרעדעניש זיך צו בעפרייען.

אָבער וועלען מיר זיך נישט בעפרייען פון דעם אתה בחרתנו געפיהל נאָר דאַן ערשט ווען מיר וועלען זיך בעפרייען פון דעם מינדערווערטיגקייטס קאָמפּלעקס, פון דעם געפיהל אַז מיר זענען „די פּאַריאַס פון דער ערד״, די אייביג געטריבענע און פערפאָלגטע.

און איבער־הויפּט ווען מיר און די חסידי אומות העולם וועלען אויפהער׳ען זיך גריבלען און זוכען מאַניעס אין דעם יודענ׳ס נאַטור און בעסער קוקען פיל העכער — צו די ערדישע סאָציאַל נאַציאָנאַלע בעדינגונגען צווישען וועלכע מיר לעבען און מיט וועלכע מיר לעבען...

פייערליכקייט, מנהגים און צערעמאָניעס

ביי יודישע חתונות

(אַ סטודיע)

פון י. קיהן

די הייראַט־אינסטיטוציע, דאָס חתונה־האָבען, איז פון תמיד אָן ביי אַלע פעלקער, אפילו ביי די פּרימיטיווסטע, יאָ, זאָגאַר ביי די ווילדע, געווען נישט אַ פּראָסטער, געוועהנליכער, וואָכענדיגער אַקט; פון תמיד אָן איז די הייראַט ביי אַלע פעלקער בעטראַכט געוואָרען אַלס אַ וויכטיגע, אידעאַלע און ערהאַבענע אינסטיטוציע, און דערפאַר איז זי תמיד געווען פערבונדען מיט ספּעציעלע פייערליכקייטען, מנהגים און צערעמאָניעס. אָבער די העכסטע אנשויאונג וועגען דער דאָזיגער אינסטיטוציע האָט פון תמיד אָן געהאַט דאָס יודישע פאָלק; יודען האָבען דעם חתונה־אַקט בעטראַכט נישט בלויז אַלס וויכטיג, אידעאַל און ערהאַבען, נאָר אויך אַלס הייליג.

„הרי את מקודשת לי״ — דו זאָלסט מיר געהייליגט זיין — זאָגט דער יודישער חתן צו דער כלה ביי דער חופּה־צערעמאָניע, אַרויפזעצענדיג איהר אויף דעם פינגער דאָס גאָלדענע „קידושין־רינגעלע״ ווען ער איז זי מקדש, און דער תלמודישער טראַקטאַט, די מסכת, וואָס בעהאַנדעלט אַלע ענינים, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער חתונה־אינסטיטוציע, הייסט „מסכת קידושין״. אמת, דער ווערבום „קדש״ האָט אין דער העברעאישער שפּראַך אויך די בעדייטונג פון „פאַרגרייטען״ און עס ווערט טאַקע ערקלערט, אַז „הרי את מקודשת לי״ איז אַזוי ווי „הרי את מזומנת לי״ — דו ביזט מיר פאַרבערייט, צוגעטיילט, אָבער אָט טאַקע דער פאַקט אַליין, וואָס דאָס יודענטום האָט פאַר דעם הייראַטס־אַקט נישט געוועהלט אַ איינדייטיגען אויסדרוק, ווי, למשל, „מוכנת״, „מסורה״ אָדער טאַקע „מזומנת״, נאָר האָט דוקא אויסגעקליבען דעם דאָפּעל־זיניגען אויסדרוק „מקודשת״ — אָט דאָס בעווייזט, דאַכט זיך, גענוג דייטליך און בולט די יודישע אנשויאונג, אַז די חתונה איז נישט אַ בלויזער פאַרבערייטונגס־אַקט פאַר אַ נייעם לעבען, פאַר אַ צוזאַמענלעבען פון צוויי געשלעכטס־פערשידענע מענשען, נאָר זי בעדייטעט גלייכצייטיג אויך אַ הייליגקייטס־אַקט פאַר דעם אויפבוי פון אַ נייעם יודישען פאַמיליען לעבען, פאַר דער פערמעהרונג און פערגרעסערונג פון דעם יודישען פאָלק...

די עלטסטע העברעאישע בעצייכנונג פאַר פראַוען אַ חתונה איז דאָס בעקאַנטע וואָרט „משתה״ (בראשית כ״ט, כ״ב). אין דעם שפּעטערען ביבלישען העברעאיש געפינט מען שוין דאָס וואָרט „חתונה״ (שיר השירים ג׳, י״א), אין דער משנה — „חתונה״ (בבא בתרא ו׳, ד׳) און אין תרגום און גמרא — „הילולא״. דער תלמוד האָט זיך אָבער אויך מיט דער עלטסטער בעצייכנונג בעדינט; די זיבען האָכצייטס־טעג ווערען אין תלמוד גערופען „שבעת ימי המשתה״ און דאָס הויז, וואו די חתונה ווערט געפראַוועט — „בית המשתה״, אויך „בית השמחה״ (מועד קטן כ״ב, ב׳), ווייל לכבוד דער חתונה האָט מען תמיד געפלעגט איינאָרדנען אַ „משתה״, אַ מאָהלצייט פון גוט עסען און טרינקען, און עס איז געווען אַ שמחה, נישט בלויז פאַר חתן־כלה און די מחותנים, נאָר אויך פאַר די געלאַדענע געסט פון די אָרטיגע איינוואוינער.

וועגען דער איינלאַדונג פון אַלע אָרטס־איינוואוינער צו דער חתונה מאָהלצייט ווערט שוין דערצעהלט אין דער געשיכטע פון אונזערע ערשטע אבות: לכבוד דער חתונה פון יעקב׳ן מיט לאה׳ן „האָט לבן פערזאַמעלט אַלע אָרטס־לייט און געמאַכט אַ מאָהלצייט״ (בראשית כ״ט, כ״ב). די איינלאַדונג פון געסט, ווייזט אויס, איז דאַמאָלט נאָר געווען אַ בלויזער מנהג און נישט קיין פליכט, דערפאַר געפינט מען שוין אין תלמוד אַלס פליכט צו האָבען אַ „מנין״ יודען ביי די חתונה־ברכ׳ות. „ברכת חתנים בעשרה״ — הייסט עס אין ירושלמי (כתובות א׳, א׳), זיך בערופענדיג אויף דעם „קנין״ פון בועז׳ן און רות׳ן, וואָס איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען אין דער געגענוואַרט פון צעהן מענשען (מגילת רות ד׳, י״ב). אין תלמוד ווערט אָבער נישט דערמאָנט וועגען וועלכער עס איז בעציהונג פון דער אָרטיגער קהילה צום האָכצייט־פעסט; דאָס קומט ערשט פאָר אין דער צייט פון די גאונים, ערשט אין דעם אַכטען יאָהרהונדערט.

דאַמאָלט פלעגט די קהילה דעם חתן אויסצייכענען אין חתונה־טאָג און אין דער גאַנצער האָניג־וואָך מיט פערשידענע כבודים און ליעבענס־ווירדיגקייטען, הויפּזעכליך אין דער סינאַגאָגע. כדי צו בעווייזען דעם גרויסען רעספּעקט פון דער קהילה פאַר דעם חתן, האָט מען תחילת געפלעגט נוהג זיין צו דאַוונען בצבור אין דעם חתנ׳ס וואוינונג און דעם דאָזיגען דאַוונען צו געבען דעם כאַראַקטער פון חול המועד (טור אורח חיים קל״א). שפּעטער איז מען אָבער פון דעם מנהג אָבגעקומען און מען האָט איהם בעשרענקט אויף דער סינאַגאָגע, וואוהין דער חתן איז געקומען דאַוונען (בית יוסף אורח חיים קל״א) און וואו ער האָט געהאַט ספּעציעלע פּריווילעגיעס בנוגע דעם „עולה לתורה זיין״, צו בעקומען אַ שעהנע עליה. ווי גרויס דעם חתנ׳ס פּריווילעגיעס אין דער סינאַגאָגע זענען געווען, בעווייזט דייטליך דער כאַראַקטעריסטישער פאַקט, וואָס איינער פון די בעלי התוספות, ר׳ יצחק בן ר׳ אברהם, האָט אין אַ פּראָסטען דאָנערשטאָג געהייסען אויפרופען צו דער תורה פיער „עליות״ אַטשטאָט דריי, ווייל עס זענען דאַמאָלט געווען אין דער סינאַגאָגע צוויי חתנים. „אַ חתונה־טאָג — האָט ער געפּסק׳ענט — מוז בעטראַכט ווערען אַלס אַ יום־טוב״ (הגהות מיימוני הלכות תפילה י״ב, ב׳).

נאָך מעהר קלאָהר און בולט האָט זיך מאַניפעסטירט די טיילנאַהמע פון דער קהילה אין שבת נאָך דער חתונה. דער נייער בעל הבית׳ל איז געפיהרט געוואָרען פייערליך און מיט פּאַראַד אין די סינאַגאָגע, בעגלייט מיט געזאַנג פון רעליגיעזע לידער. דאָרט, אין דער סינאַגאָגע, איז דאָס שחרית־דאַוונען געפּראַוועט געוואָרען גאָר אויף אַ געהויבענעם אופן, אויסגעשמוקט מיט ספּעציעלע פיוטים און יוצרות, ווי אין אַ אמת׳ן יום טוב. דער היסטאָריקער צונץ האָט געצעהלט נישט ווייניגער ווי אַכצעהן פּייטנים, וואָס האָבען פערפאַסט „רשות״ און „יוצר״ ספּעציעל לכבוד שבת נאָך דער חתונה (צונץ, ליטעראַרישע געשיכטע דער סינאַגאָגאַלען פּאָעזיע). דער עלטסטער יוצר פון דייטשע פייטנ׳ים לכבוד דעם חתונה־שבת שטאַמט פון צעהנטען יאָהרהונדער״ט און איז אַ פּראָדוקט פון דעם בעקאַנטען פייטן ר׳ שמעון בן ר׳ יצחק פון מאגנציה (מאַינץ). דער דאָזיגער „יוצר״ ענטהאַלט אַ שילדערונג אין גראַמען פון בריאת העולם לויט דער תלמודישער אַנשויאונג: אדם הראשון ערשיינט מיט צוויי פּנים׳ער, איין פאָרענט און פון הינטען. אויף איין זייט אַלס מאַנסביל און אויף דער צווייטער — אַלס פרוי, ביז גאָט לעגט פּלוצלינג אויף איהם זיין האַנד און צוטיילט איהם אויף צוויי בעזונדער׳ע חלקים... דער מחבר פיהרט אויס, אַז נאָר גאָט אַליין איז דער מזווג זיווגים, לויבענדיג דערביי שטאַרק די מצווה צו בעטייליגען זיך אין דער שמחה פון חתן־כלה, וואָס איז אַ שעהנע נאָכאַהמונג פון דעם געטליכען ביישפּיל ביי אדם וחוה.

דער עלטסטער ספרדישער חתונה־פיוט שטאַמט אויך פון צעהנטען יאָהרהונדער״ט, און זיין מחבר איז ר׳ יוסף בן ר׳ יצחק אבן אביטור פון דער שטאָט קאָרדאָווא. אָבער די שענסטע בלומען פון דער האָכצייטס־פּאָעזיע האָט געפלאַנצט דער גרויסער דיכטער און פילאָזאָף ר׳ יהודה הלוי, וועלכער — ווי צונץ דריקט זיך אויס — האָט מיט דער שעהנקייט פון זיין געמיט פערהערליכט דעם גאַסט־דינסט און מיט זיין איידעלען גייסט דערהויבען דאָס פאָלק ישראל״. זיינע חתונה־שירים האָבען טיילווייז אַ עהאָטישען, טיילווייז אַ רעליגיעזען כאַראַקטער. ער איז אויך געווען דער ערשטער יודישער דיכטער פון מיטעלאַלטער, וואָס האָט געווידמעט פאַר איינצעלנע חתן־כלה־פּאָרלעך ספּעציעלע האָכצייטס־לידער. און דאָס זאָל קיין וואונדער נישט זיין, איז דאָך אין מאַנכע שפּאַנישע קהילות אפילו דער קדיש נאָך תפילת שחרית לכבוד דעם חתן — געענדער״ט, פערלענגערט און פערגרעסערט געוואָרען.

מיט נאָך אַ גרעסערער אויסצייכנונג איז דער חתן בעעהר״ט געוואָרען בשעת דעם עלטסטען סינאַגאָגאַלען קולטוס: בשעת קריאת התורה און „מפטיר־זאָגען״ ביים שבת׳דיגען דאַוונען בצבור. פון ביידע, פון דער תורה און פון די נביאים, האָט דער חתן — אָדער אַנ׳אַנדערער לכבוד איהם — געלייענט אַ ספּעציעלע, אויסגעוועהלטע, פאַר איהם פּאַסענדע פּרשה. פון דער תורה האָט מען געוועהנליך געפלעגט צו לייענען די פּרשה, אין וועלכער עס ווער״ט דערצעהלט די געשיכטע ווי אַזוי אונזער מוטער רבקה איז געוואָרען די פרוי פון יצחק אבינו.

די ערשטע שפּורען פון דעם דאָזיגען מנהג שטאַמען פון צעהנטען יאָהרהונדערט, פאַר וועלכען פערשידענע קהילות אין אַזיען, אַפריקאַ און אייראָפּאַ האָבען ברייט געעפענט די טויערען פון זייערע סינאַגאָגעס (אבודרהם דף קט״ס דפוס פּראג).

אין די אָריענטאַלישע לענדער פלעגט מען זיך נאָך אין דער 2־טער העלפט פון דעם זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט נוהג צו זיין, צו לייענען די פּרשה לכבוד דעם חתן אין אַ עקסטראַ ספר תורה און דאָס געלייענטע צו איבערזעצען אין דער אומגאַנגס־שפּראַך (כנסת הגדולה אורח חיים רפ״ב). די ספּעציעלע הפטרה פאַר דעם חתן איז בעשטאַנען פון ישעיה (קאַפּיטעל 61 פון פּסוק 10 ביז קאַפּיטעל 62 פּסוק 5), וואו דער נביא אין דער סוף רעדען פון חתן און כלה. גרויסע תלמודישע אויטאָריטעטען, ווי די פּוסקים רבנו משולם פון מאַינץ און ר׳ יצחק הלוי פון וירמשא (וואָרמס), בעהאַנדלען דעם דאָזיגען מנהג אַלס אַנ׳אַלטען איינגעוואָרצעלטען און פון אַלעמען אָנגענומענעם. אין מאַנכע געגענדען, בעזונדערס אין עסטרייך, פלעגט מען שבת נאָך דער חתונה צו לייענען צוויי הפטרה׳ס: די איינע וואָס באַלאַנגט צו דער סדרה פון דער וואָך און די ספּעציעלע חתונה־הפטרה (כל בו כ׳).

דאָס „אויפרופען״ פון דעם חתן צו דער תורה איז געווען גאָר פייערליך. דער חזן האָט איהם אויפגערופען בקול גדול מיט אַ העברעאישער, אין גראַמען פערפאַסטער אנשפּראַך, אין וועלכער ער איז מודיע, אַז די פערזאַמעלטע קהילה איז מסכים מיט פרייד, איהם פּאַרצולייענען די ספּעציעלע פּרשה פון דער תורה. נאָך דעם לייענען האָט דער חזן ווידער רעציטירט אַ פּאָרולאַר, וואָס ענדיגט זיך מיט אַ שעהנעם „מי שברך״ פאַר דעם חתן. די מחותנים און די קרובים האָבען איהם בעגלייט צו דער תורה און דאַן צוריק צו זיין פּלאַץ. אין פּוילען און אין דייטשלאַנד האָט דער דאָזיגער מנהג אָנגעהאַלטען נאָר ביז דעם זיבענצעהנטען יאָהרהונדער״ט, און שפּעטער זענען די ספּעציעלע חתונה־הפטרה און פיוטים גענצליך פערשוואונדען. די אייגענטליכע סבה דערפון, מיינט מען, איז געווען דאָס פערמעהרען זיך פון קינדער־חתונות אין די ביידע לענדער, וואו מען פלעגט חתונה צו מאַכען, ממש, קליינע יונגלעך און מיידלעך, וואָס האָבען נאָך נישט געהאַט אויסגעטון די קינדער־שיכלעך, און אַזעלכע רעספּעקט־צערעמאָניעס מצד דער קהילה פאַר אַ קליין יונגעלע אַ חתנ׳דעל דאָט אויסגעזעהען עפּעס אַ ביסעל לעכערליך... עס איז אָנצונעהמען, אַז אויף דעם זעלבען יסוד איז איינגעפיהר״ט געוואָרען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך די רעפאָרמען פון — דער חופּה. דען אין די דאָזיגע ביידע לענדער איז נעמליך אין פריהעריגע צייטען בעשטאַנען ד׳ יחופּה אין דעם, וואָס מען פלעגט דעם חתן און די כלה ביי סדור־קידושין איינצוהילען אין אַ טלית און עס איז געקומען צו אַ שקו״ט ואַ״ט צווישען די פּוסקים, צי דער חתן איז מחויב ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט צו מאַכען אַ ברכה „להתעטף בציצית״ (שבות יעקב ב׳, ב״ג) און אַזוי איז דער טלית פערוואַנדעלט געוואָר״ען אין אַ חופּה...

—==:O:==—

ווי גרויס איז ירושלים געווען

ירושלים איז קיינמאל נישט געווען קיין גרויסער צענטער פון וועלט־האנדעל. — זי איז אבער פאפולער ווי די גרעסטע וועלט־שטעט פון אמאל. — ווי אזוי זי איז געווארען א הייליגע שטאט פאר אלע פעלקער.

פון דר. ז. קאדיש

מיר שטעלען זיך געוועהנליך פאר די אמאליגע ירושלים אלס א גרויסע, רייכע וועלט־שטאט מיט א ריזיגער בעפעלקערונג. דאס קומט דערפון, וואס מיר אורטיילען איבער דער גרויס פון ירושלים לויט דער ראלע, וואס זי האט געשפילט אין דער יודישער געשיכטע און אויך אין דער וועלט־געשיכטע בכלל.

פון ירושלים ווייסען הייבט קינד־און־קייט. ווער אבער, אחוץ געלערענטע אין געשיכטע, ווייסט הייבט פון נינוה, די הויפט־שטאט פון דער אשורישער וועלט־אימפעריע? ווער וואלט הייבט געוואוסט פון סנחריב׳ן, ווען נישט זיין מארש אויף ירושלים? און אפילו פון בבל, וועלכע איז ארום צוויי טויזענט יאהר געווען די וועלט־שטאט דער מיטעלפונקט פון דעם וועלט־האנדעל און פון דער וועלט־קולטור, ווייסט מען אויך מעהרסטענס נאר צוליב איהרע בעציהונגען מיט ירושלים.

אבער ירושלים איז געווארען די היסטארישסטע פון אלע היסטארישע שטעט נישט צוליב איהר געאגראפישער לאגע, נאר ווייל זי איז געווארען די הייליגע שטאט, גאט׳ס שטאט, פאר אלע יודען. צוליב איהר געאגראפישער לאגע וואלט ירושלים קיינמאל נישט בעקומען קיין היסטארישע בעדייטונג, אז זי ליגט געאגראפיש אין זעהר נישט קיין גינסטיגען ארט און אז זי האט דעריבער נישט געקאנט ווערען קיין וועלט־שטאט, קיין צענטער פון האנדעל פאר די מזרח־לענדער.

וואָרים ירושלים ליגט נישט ביי קיין גרויסען טייך, ווי, למשל, בבל אדער די אמאליגע הויפט־שטעט פון מצרים. זי ליגט אויך נישט ביים ים, ווי צור און צידון, די בעריהמטע פעניקישע האנדעל־שטעט אין צפון־זייט פון ארץ־ישראל. אטען און רוים ליגען אויך נישט ביים ים, אבער עס איז לייכט פון ים צוצוקומען צו זיי. ירושלים אבער איז ארום 37 מייל פון יפו, דעם נעהנסטען פארט ביים מיטעל־לענדישען ים, און דער וועג פון יפו קיין ירושלים דרעהט זיך דורך קרומע בערג.

דמשק ליגט אויך נישט ביים ים און ביי קיין גרויסען טייך. איז זי אבער דערפאר געווען פון די עלטסטע צייטען אן דער „האפען פון מדבר", דער מיטעל־פונקט, וואו עס האבען זיך דורכגעשניטען די פערשידענע האנדעלס־וועגען פון די קאראוואנען. דורך ירושלים געהט אבער דורך בלויז איין איינציגער בעדייטענדער שליאך, און אויך ער האט נאר א לאקאלע בעדייטונג. ער איז נישט קיין טייל פון א גרויסען שליאך, וואס פערבינדט די מערק פון פערשידענע לענדער. א חוץ דעם נאך ליגט ירושלים אין זעהר אן אָרימער און טרוקענער געגענד, און זי האט דעריבער נישט פערמאגט קיין אייגענע רויהע מאטעריאלען.

צוליב אט די אלע אורזאכען האט ירושלים קיינמאל נישט געקאנט ווערען קיין גרויסע וועלט־שטאט, קיין מיטעל־פונקט פאר דעם וועלט־האנדעל. זי איז עס אויך טאקע קיינמאל נישט געווען. מיט דער אויסנאהם פון דער קורצער צייט, אין צוועלפטען יאהרהונדערט, צווישען דעם ערשטען און דעם דריטען קרייץ־צוג, ווען די קריסטען פון מערב־איראפע האבען געהאט א מלוכה׳לע אין ירושלים. אין יענער צייט האבען אויף די שמאלע מערק פון ירושלים זיך בעגעגנט סוחרים פון מזרח און פון מערב.

אט אזוי כאראקטעריזירט ירושלים דער בעריהמטער ענגלישער געלעהרטער פראפעסאר מאקאליסטער, איינער פון די גרעסטע אויטאריטעטען אין דער געשיכטע פון ארץ־ישראל.

* * *

פארוואס אבער, וועלען די לעזער פרעגען, איז ירושלים איבערהויפט גאר געווארען א גרויסער צענטער ביי יודען, אויב זי האט געאגראפיש אזא שלעכטע לאגע?

דאס איז געווען א רעזולטאט פון פערשידענע היסטארישע פאקטען.

ערשטענס, איז ירושלים געווען די איינציגע שטאט ב יידי יבוסים, א כנעני׳שער שבט פון יענער געגענד, און זיי האבען דארטען אויסגעבויט א שטארקע פעסטונג אלס בעשיצונג. צווייטענס, האט דוד זי געמאכט פאר דער הויפט־שטאט פון דער פעראייניגטער מלוכה פון יהודה און ישראל. און ער האט זי אויסגעקליבען פאר זיין הויפט־שטאט, ווייל זי איז געלעגען פונקט אויפ׳ן גרעניץ צווישען יהודה און ישראל. זי איז דעריבער געווען דער פאסיגסטער ארט פאר דער רעגירונג פון דער פעראייניגטער יודישער מלוכה. דריטענס, האט שלמה דארטען אויסגעבויט א בית־המקדש, וועלכער האט, קענטיג, אין גרויסקייט און פראכט אריבערגעשטיגען די אלע אנדערע הייליגטימער פון דעם לאנד. פערטענס, זענען ארום 300 יאהר נאך שלמה׳ס טויט, אונטער דעם קעניג יאשיהו, אפגעשאפט געווארען די „במות", ד יהייליגטימער פון דער פראווינץ, און ירושלים איז דערקלערט געווארען פאר דעם איינאייציגען הייליגען ארט וואו מען מעג דינען גאט. פינפטענס, האבען די שפעטערע נביאים, בעזונדערס נאך יחזקאל, געגעבען ירושלים א מיסטיש־רעליגיעזע בעדייטונג פאר דעם יודישען פאלק.

אזוי ארום איז ירושלים, דורך אט די און נאך אנדערע אורזאכען, געווארען אין די צייטען פון צווייטען בית־המקדש גאט׳ס שטאט, צו וועלכער אלע יודען פון דער גאנצער וועלט האבען געווענדעט זייערע אויגען.

וואלט עס גאנץ גוט געווען, ווען ירושלים וואלט געבליבען די הייליגע שטאט בלויז פאר יודען, איז זי אבער שפעטער געווארען די הייליגע שטאט אויך פאר די קריסטען, און נאך שפעטער, פון זיבענטען יאהרהונדערט אן, איז זי אונטער דעם איינפלוס פון די יודען און די קריסטען, געווארען הייליג אויך פאר די מאכמעדאנער. איז טאקע, אמת, מקוים געווארען די נביאות פון דעם נביא, אז אלע פעלקער וועלען זיך ציהען ווי א שטראם צו דעם בארג ציון. אבער דער נביא האט געמיינט, אז די פעלקער וועלען קומען קיין ירושלים לערנען תורה פון יודען. קומען אבער ד יפעלקער מיט זייער אייגענער קריסטליכער און מאכמעדאנישער תורה און גאר מיט שנאה צו יודען.

* * *

ווי גרויס אנ׳ערך איז ירושלים געווען אין גאר די עלטסטע צייטען?

קיין גענויע ידיעות וועגען דעם האבען מ׳ר נישט. אבער פון די אלע אויסגראבונגען, וואס מ׳האט שוין ביז איצט געמאכט אויף דעם בארג ציון, ווייסען מיר הייגט, זאגט פראפעסאר מאקאליסטער, אז בשעת דוד האט איינגענומען ירושלים, איז זי געווען א קליינע כנעני׳שע שטעטעל: וואָרים מ׳האט אין יאהר 1924 אויפגעגראבען דעם מויער פון ירושלים. וועלכע דוד האט דורכגעבראכען, ווען ער האט עראבערט די שטאט פון די יבוסים.

ווייסען מיר דעריבער הייגט, אז אין דוד׳ס צייטען האט ירושלים פערנומען נישט מעהר ווי א שטח פון אנ׳ערך עלף און א האלב אקער לאנד. א פעסטונג אבער, א מויער ארום, האט זי געהאט א גאנץ שטארקען. ער איז געווען צוואנציג פוס די דיק און האט דערצו נאך געהאט הויכע טורעמס. די דאזיגע טורעמס, ווי זיי שטעהען הייגט אויפגעגראבענערהייט פון גאנץ טיף אונטער דער ערד, זענען צוואנציג פוס הויך. מיר ווייסען אבער נישט, ווי הויך זיי זענען אמאל געווען.

די אויסגראבונגען אין ירושלים פון די לעצטע יאהרען האבען, דרך־אגב, קלאהר געמאכט א פאר שטעלען אין דעם תנ"ך, וואס זענען געווען ביז איצטער אומפערשטענדליך (שמואל ב׳ קאפ. ה׳ פסוק 9, און מלכים א. קאפ. י"א, פסוק 27). דארטען ווערט גערעדט פון דעם „מלוא", וואס דוד האט אנגעהויבען צו בויען און דערנאך האט עס שלמה איינגאנצען פערבויט. אבער וואס דאס איז אזוינס געווען די „מלוא", האט מען ביז איצטער נישט געוואוסט. ערשט די אויסגראבונגען האבען געמאכט קלאהר און פערשטענדליך ד יגאנצע זאך. ווארום טאקע אט די „מלוא" האט מען עס איצטער אויסגעגראבען. דאס איז געווען א גרויסע לאך, אנ׳עפענונג, וואס דוד האט געמאכט אין דעם מויער, ווען ער האט איינגענומען די שטאט.

דעם דאזיגען איינבראך אין מויער פון שטאט האט דוד, אפנים, שוין אנגעהויבען פערבויען מיט א צייטווייליגער שטיק וואנט (אט דאס מיינט דער פסוק: „ויבן דוד סביב מן המלוא וביתה"). מען האט עס דעריבער גערופען „מלוא", עס הייסט: די אויספיהלונג פון דער איינגעבראכענע עפענונג אין דער מויער. ריכטיג פערבויט האט עס אבער ערשט שלמה. ער האט דארטען אוועקגעשטעלט א גרויסען טורעם, וועלכער איז איצטער שטארק צובראכען. אבער דאס, וואס מען האט אויסגעגראבען פון איהם, איז גענוג צו בעווייזען, אז דאס איז געווען זעהר א בעדייטענדע פעסטונג (אט דאס מיינט דער פסוק „שלמה בנה את המליא סגר את פרץ עיר דוד אביו").

קיין הייזער אבער האט מען נאך ביז אהער נישט אויסגעגראבען אין ירושלים פון יענע צייטען. און דעריבער ווייסען מיר נאך נישט, ווי די שטאט גופא האט דאמאלס אויסגעזעהן.

אונטער שלמה׳ן האט ירושלים זיך שטארק צוּוואקסען. זי איז געווארען פיל גרעסער און נאך מעהר איז זי געווארען א סך שעהנער, ווייל זי האט געקראגען א סך נייע, פרעכטיגע בנינים.

אין די אלטע צייטען

אבער אפילו הונדערטער יאהרען שפעטער, אין די צייטען פון ערשטען חורבן, איז ירושלים געווען נישט מעהר ווי א קליינע פראווינץ־שטאט. די געלעהרטע שאצען, אז ירושלים האט אין יענע צייטען געהאט ארום 25,000 איינוואוינער (די בעפעלקערונג פון מלכות־יהודה ווערט געשאצט אויף מאקסימום א פערטעל מיליאן).

דעם העכסטען גלאנץ איהרען האט ירושלים דערגרייכט פאר דעם צווייטען חורבן. אבער אויך דאמאלס איז זי נישט געווען קיין וועלט־שטאט.

לויט דער אגדתא פון „מדרש איכה" זענען אין ירושלים געווען 24 ברייטע גאסען. יעדע ברייטע גאס האט געהאט 24 שמאלע גאסען. יעדע שמאלע גאס האט געהאט 24 מערק יעדער מארק האט געהאט 24 פערבויטע פלעצער. יעדער פערבויטער פלאץ האט געהאט 24 הויפען, און יעדער הויף האט געהאט 24 הייזער מיט איינוואוינער צוויי מאל אזויפיל וויפיל יודען עס זענען ארויס פון מצרים. פון מצרים זענען, לויט די גוזמא־דיגע צאהלען פון חומש, ארויסגעגאנגען זעקס הונדערט טויזענד מאנסלייט, א חוץ ווייבער און קינדער. מען האט, אלזא, בערעכענט, אז לויט דער דאזיגער פאנטאזיע פון מדרש האט ירושלים געהאט ניין און האלב מיליאן איינוואוינער.

די געלעהרטע האלטען הייבט זעהר ווייניג אויך פון דעם, וואס יאזעפוס פלאוויוס דערצעהלט וועגען דער בעפעלקערונג פון ירושלים. לויט אלע פארשונגען און אפשאצונגען, וואס די געלעהרטע האבען געמאכט, האט ירושלים געהאט אין די צייטען פון צווייטען חורבן צווישען פופציג און הונדערט טויזענד איינוואוינער. די נידעריגסטע צאל איז פופציג טויזענט און די העכסטע צאל, וואס מען מעג אננעהמען, איז הונדערט טויזענט.

עס איז נאך כדאי צו בעמערקען, אז רוים האט שוין דאמאלס געהאט א בעפעלקערונג פון אנ׳ערך אנדערטהאלבען מיליאן. אלעקסאנדריע האט דעמאלט געהאט א בעפעלקערונג פון אנ׳ערך א האלבען מיליאן, דערפון זענען צוויי־פינפטעל געווען יודען. אין אלעקסאנדריע איז, אלזא, געווען לכל הפחות צוויי מאל אזויפיל, אויב נישט נאך מעהר, יודען, איידער אין ירושלים אין די צייטען פון איהר העכסטען גלאנץ.

—:0:—

קארל עמיל פראנצאז

(פערגעסענער יודיש־דייטשער שרייבער)

פון אריה שטרייט

דער יודיש דייטשער שרייבער קארל עמיל פראנצאז איז געבוירען געווארען אין דעם קליינעם גאליצישען שטעטעל טשארט־קאוו, אינ׳ם יאהר פונ׳ם „פעלקער פריהלינג" 1848. זיין פאטער איז געווען א יודישער קרייז־דאקטאר, וועלכער האט זיין זוהן דערצויגען אין גייסט פון דער אויפקלעהרונג, שוין אין זיין ערשטער יוגענד האט ער געזעהען פאר זיך א פערשידענפארביגע לעבעדיגע וועלט מיט אייגנארטיגען קאמף פאר רעכט בעהאנדעלט אין דער דייטשער ליטעראטור. א סך פריהער פאר פראנצאז׳ן האט שוין דער דייטשער פאעט היינריך פון קלייסט אנגעשריבען א נאוועלע: „מיכאל קאהלהאס" מיט א ענהליכער טענדענץ, עס איז אבער קיין צופאל נישט, אז דוקא א יוד זאל ווידעראמאל פאעטיש בעארבייטען דאס מאטיוו. ווייל נישט נאר דער פאקט, אז מיר יודען ליידען זייט דור דורות לאנג אומרעכט, מאכט אונז פאר קעמפער פאר רעכט און גערעכטיגקייט, ביי א יעדען איינעם פון אונז בעזונדער איז פארהאנען א הייליגער צארן, א מעכטיגער ווילען פון קאמף פאר רעכט און גערעכטיגקייט פו ןדי יודישע נביאים, יענע, „געוויסענסוועכטער און שטורמפייגעל פון דער געשיכטע", ווי עס רופט זיי אן דער פילאזאף רעבאן. — אין דער איראפעאישער ליטעראטור בכלל און אין דער דייטשער בפרט, קאן מען בעמערקען א גאר אינטערעסאנטע דערשיינונג; יודען זענען די פיאנערען פון נייע ליטערארישע ריכטונגען. איז טאקי קארל פראנצאז געווען איינער פון די סאמע דרייסטע, אנזאגער פון נייע טעמען און מאטיווען. ער האט זיין גאנץ לעבען געצויגען זיין קינסטלערישע יניקה הויפטזעכליך פון דעם יודישען לעבען אין גאליציען, פון זיין אייגענער יודישער סביבה און אזוי ארום אריינגעפיהרט אין דער דייטשער ליטעראטור נייע, ביז איצט אונבעקאנטע טיפען און געשטאלטען.

די מערב־וועלט האט בכלל נישט געקענט דעם יוד, אדער האט געהאט פון יודען א גאר פאלשע פארשטעלונג, עס איז נ־שט געווען אינגאנצען די שולד פון די פרעמדע, פון די גוים, זיי האבען ממילא נישט געהאט קיין גרויס פערשטענדניש און אפשר נישט געקענט בעגרייפען די יודישע אייגענארט און פסיכיק, עס האבען זיך אבער — אזוי ווי תמיד און אומעטום — געפונען יודען, אחינו בני ישראל, וועלכע האבען זיך פאר זיי געזארגט, וועלכע האבען ספעציעל געוויזען פאר די פרעמדע יודישע גהעטא־לעבען אין א טענדענציעזן ליכט. די מערב יודיש דייטשע ליטעראטען, ווי למשל א. בערנשטיין, א. ווייס און אנדערע, — וועלכע האבען אין זייער לעבען קיין מזרח־יודישען קיבוץ נישט געזעהען, צי האבען זיי געקענט האבען א בעגריף פון א אמת׳דיגען יודישען לעבען? אויך אין דייטשלאנד און אין אנדערע לענדער זענען געווען יודישע גהעטאס, אבער ד יודיש־דייטשע שרייבער האבען נאר געזעהען תמיד די שבת קודש שטימונג און געוויזען נאר פייערליכע מאמענטען (סדר נעכט און פרעהליכע חתונות) פונ׳ם יודישען גהעטא־לעבען.

די יודען זענען אלזא געווען נאר פאראזיטען, וועלכע טוען נישט א האנד אין קאלט וואסער אריין, פראווען שמחות און ווארטען אויף משיח׳ן. צי געהט זיי שלעכט? צי פעהלט זיי עפעס?

איז געקומען קארל פראנצאז פון דעם שטארק פולפערבדען מזרח־יודישען מאסען לעבען און אפגעריסען דעם בעבעלדיגען ראמאנטישען שלייער פון דעם יודישען גהעטא לעבען, פראנצאז, דער ערשטער קינסטלערישער גהעטא שילדערער האט אריינגעבראכט אין דעם דייטשען ליטערארישען היכל דעם גרעסערען און וואגיגערען טייל פון דעם אומבעקאנטען יודישען וואכענדיגען לעבען. ביי פראנצאז׳ן איז דאס גהעטא נישט נאר, דאס פערשלייערטע „בילד פון סאיס", וועלכעס מען טאר נישט אויפדעקען. פראנצאז האט זיך געוואגט „דאס בילד פון סאיס" אויפצודעקען, צו ווייזען זיין שענקייט און מיאוסקייט, און איז — א וואונדער. — נישט געשטארבען. ער האט געוויזען דעם פערצווייפעלטען, הילפלאזען קאמף פון דער יודישער מאסע, ער האט געוויזען, אז די יודען קענען אויך לעבען און ליידען, ארבייטען, קעמפען, האנדלען, ווי פשוט׳ע וואכעדיגע בשר ודם׳ס. ער האט ענט־פלעקט די יודישע אונטערדריקונג און בעליידיגונגען מצד די זעלבסטהערשערישע פריצים, די אונפערמיידליכע צוזאמענשטויסען מיט דער ארום־מיגער פיינדליכער קריסטליכער וועלט, די אינערליכע סכסוכים און מחלוקת׳ן צווישען חסידים און מתנגדים, צווישען פרומע און אפיקורסים וכו׳. ער האט דער ערשטער איינגעפיהרט אין דער שעה־נער דייטשער ליטעראטור אזעלכע טיפען און געשטאלטען, ווי דעם מיאוס׳ן גראביאנישען יודישען ארענדאר און דעם פארטלאפעטען שדכן מיט דעם ״עגען־שירעם אין דער האנד.

פראנצאז האט ערפילט א מיסיע פון השכלה ער האט אויפגעקלערט די אומות העולם איבער די יודען, זייער לעבען און דענקען, זייערע מעלות און חסרונות.

קארל פראנצאז האט אהן ספק רייכער געמאכט ד ידייטשע ליטעראטור מיט דעם נייעם אומבעקאנטען שטאף־קרייז, אז ער האט שוין נאר דערפאר אליין נישט נאר פערדינט צו זיין אומשטערבליך, נאר אויך אויף דענקמעלער און מאנומענטען אין יעדער דייטשער שטאט, פראנצאז איז ערשט אנ׳ערך פון א 27 יאהר טויט און עס איז שוין גענוג צייט געווען, אז ס׳זאל פון איהם זיין זכר אין דער דייטשער ליטעראטור נישט בלייבען, כאטש מען האט אמאל עטליכע פון זיינע ביכער — דוקא די פונ׳ם לעבען פון די גאליצישע יודען, ווי „די יודען פון באכנאוו" און „האלבאזיען" — איבערגעזעצט אויף א 15,16 שפראכען, כאטש זיינע „האלבאזיאטען" האבען אמאל אזוי שטארק אויסגענומען ביי די לייענער דערמאנט מען הייגט פונ׳ם „דאן ביס צו דער דאנוי" נישט אמאל זיין נאמען.

אט איז דאס א ווייטעג־עגע משונה׳דיגער גורל פון די, וועלכע דינען צו פרעמדע עבודה זרות.

ר' מרדכי'לע נאדווארנער / (פאלקסטימלעך) פון יצחק אבן

א צדיק'ס דבור געהט נישט לאבוד

אן'אינטערעסאנטען מופת פונ'ם צדיק ר' מרדכי'לע באדווארנער, האט אמאל דערצעהלט דער רב פון ליק, ר' חיים יעקב, וואס האט געזאלט האבען פאסירט טאקי ביי איהם אין הויז, ביי זיין אייגען ווייב, די רביצין.

בעת ר' חיים יעקב איז געווען רב אין דער שטאט בעטלען, אין זעבענבירגען, פלעגט יעדעס יאהר אהין קומען א יוד א חסיד פון באדווארנע, ר' יונה באדווארנער האט מען איהם גערופען, כדי דארטען צו פערקויפען דברים שבקדושה, ווי טלתים, תפילין, מזוזות און ציצית.

זייענדיג א פערקאכטער חסיד פון ר' מרדכי'לע באדווארנער, פלעגט דער ר' יונה דערצעהלעןביים רב אין הויז וואונדערליכע מופתים און געטליכע הנהגות פון זיין רבי'ן אין באדווארנע. די רביצין פלעגט זיך אויפמעקזאם צוהער'ען צו זיינע ספורים און געווארען פון זיי שטארק בעאיינפלוסט.

הער'ענדיג פון ר' יונה'ס מויל, אז דער צדיק נוצט נישט קיין זאקען נאר אזעלכע וואס זענען געשטריקט געווארען פון אלטע פרומע פרויען לשמם, האט די רביצין אויף זיך מקבל געווען די מצווה, אויסצוהאלטען דעם צדיק נישט נאר מיט זאקען אליין, נאר אויך מיט האנדטיכער און טישטיכער, וואס זי האט געלאזט עקסטרא אויסארבייטען דורך די הענד פון אמת'ע כשר'ע אלטע ווייבער, און ויי תמיד מיטגעגעבען צום רבי'ן דורך ר' יונה, פון וועלכע דער צדיק איז זעהר צופרידען געווען און געהאט א נחת־רוח.

אוועקגעגאנגען א משך פון יאהר'ען, ר' חיים יעקב איז דאן געווארען רב אין ליק, זיך געלעבט בכבוד, און די רביצין זיינע האט אלץ נאך אפגעהיטען איהר מצוה צו פערזארגען דעם צדיק פון באדווארנע מיט זאקען, האנדטיכער און טישטיכער.

דערווייל איז איהר פאטער, א יוד אנ'עושר, געשטארבען און איהר איבערגעלאזט ירושה גאנצע פינף טויזענד גילדען, א פערמעגען צו יענע צייטען.

האט איהר מאן דער ליקער רב בעשלאסען אויפצוגעבען דאס רבנות, צו פאהרען קיין ארץ־ישראל זיך דארטען צו בעזעצען. ער האט אויסגערעכנט, אז פאר דעם געלד וואס ער פערמאגט קען ער זיך דארט קויפען א הויז מיט א חצר און ס'וועט איהם נאך פערבלייבען א שעהנע עטליכע גולדען צו קענען מאכען פון זיי א לעבען, נישט בעדארפענדיג צו זיין אנגעוויזען אויף א דעת־הקהל.

איז ער זיך געפאהרען מיעץ זיין וועגען דעם ענין מיט'ן וויזניצער צדיק ר' מענדעלע פון וועמען ער האט שטארק געהאלטען אלס חכם און בעל־מופת.

דער וויזניצער צדיק האט נישט נאר מסכים געווען צו דעם פלאן, נאר ער האט איהם נאך דערצו צוגערעדט און איהם צוגעזאגט צו מאכען איהם פאר דעם ארץ־ישראל־גבאי פונ'ם כולל וויזניצא, פון וועלכען דער רבי איז געווען דער נשיא, און איהם געבען א געהאלט וועלכער וועט איהם מספיק זיין אויף פרנסה ברוח.

כדי אבער צו זיין זיכער, אז ער טוט א דבר ישר, איז דער ליקער רב דאן ווידער געפאהרען קיין סאנז צום גאון און צדיק ר' חיים האלבערשטאם, כדי צו הערען וואס דער סאנזער צדיק האט עפיס צו זאגען מכח דעם ארץ־ישראל פלאן.

„מיין מיינונג איז, אז איהר זאלט פערבלייבען אין חוץ־לארץ -- האט איהם דער סאנזער צדיק געזאגטגעזעגענט און וויי ער האט איבערגעליינט אין קוויטעל ר' חיים יעקב'ס בקשה — השם יתברך איז מלא כל הארץ כבודו, מען קען איהם געפינען און דינען ווי ס'געהער צו זיין אויך אין חוץ־לארץ".

„אבער דארטען, א חוץ דעם וואס כ'וועל זיין אויף אדמת הקודש וועל איך דאך אויך האבען פרנסה אלס גבאי פונ'ם כולל וויזניצע — האט דער ליקער רב זיך אנגערופען צום סאנזער מיט א טאן פון א שאלה .— אפשר וועט דער רבי אזוי גוט זיין און מיר זאגען א טעם דאצו, פארוואס ער הייסט מיך נישט פאהרען?"

„איך בין נישט מסכים צו דער נסיעה" — האט דער סאנזער ווידער געזאגט, נישט אנגעבענדיג קיין שום טעם.

דער סאנזער צדיק איז בכלל געווען א גרויסער געגנער דאס יודען זאלען פאהרען קיין ארץ־ישראל. טאמער האט איהם עמיצער געפרעגט אנ'עצה מכח אזא נסיעה, פלעגט ער אזוי ענטפערען: „ממה־נפשך, זענט איהר נישט קיין ירא־שמים, צו וואס־זשע זאלט איהר פאהרען מטמא זיין דאס הייליגע לאנד. זענט איהר ווידער א צדיק, בעדארפען מיר אייך, געטרייטיגער אט דא אין חוץ־לארץ".

אכט טעג איז דער ליקער רב פערבליבען אין סאנז, מיט דער האפנונג, אז ענדליך וועט ער דאך בעוועגען דעם צדיק צו געבען זיין הסכמה צו דער נסיעה, אדער, לכל הפחות ביי איהם פועל'ן ער זאל איהם ערקלער'ען דעם טעם פאר־וואס ער הייסט איהם נישט פאהרען.

דעם אכטען טאג, בעת דער סאנזער רבי איז געפאהרען אויף א שפאציר, לויט א פעראָרדנונג פון זיין דאקטאר, אויף פרישע לופט. האט ער געשיקט רופען דעם ליקער רב און איהם געהייסען מיטפאהרען. דאס איז פאר איהם בעטראכט געווען פאר א גרויסען כבוד, מחמת נישט א ליאדע־ווער האט די זכיה געהאט צו פאהרען מיט'ן סאנ־זער צדיק אויף דער זעלבער פוהר, בעת ער איז געפאהרען שפאציר'ען.

אויפ'ן וועג האט דער סאנזער צדיק צו איהם געזאגט:

„ליקער רב, איהר ווילט אודאי וויסען פאר־וואס איך וויל נישט איהר זאלט פאהרען קיין ארץ־ישראל, טא לאמיך אייך זאגען: מיר בעדארפען געטרייטיג, זעהר געטרייטיג, די עהרליכע יודען דא אין חוץ־לארץ".

אויב אזוי? — האט זיך דאן דער ליקער רב געטראכט. — אויב נאר דאס איז דער טעם און די סבה וואס דער סאנזער צדיק איז נישט מסכים צו מיין נסיעה. וועל איך איהם נישט הער'ען און טאקע יא פאהרען, בפרט נאך ווען איך האב א בפירוש'דיגע הסכמה, כמעט ווי א פקודה, פונ'ם וויזניצער צדיק.

הפנים אז ער, דער ליקער רב, איז נאך גע־ווען צו ווייניג חסיד. ער האט נישט געוואוסט, אז וויבאלד דער סאנזער צדיק זאגט אז ער בעדארף נישט פאהר'ען, וועט ער שוין זיכער נישט מעהר פאהר'ען.

ר' חיים יעקב איז אהיימגעפאהרען, אפגע־דאנקט פון רבנות אין ליק, געהאלטען א פייערדיגע אבשיעדס־דרשה, אויסגעפערקויפט הכל־כאשר־לכל, חוץ די ספרים, און אוועקגעפאהרען מיט זיין בני־בית, קודם־כל קיין ניגרעשט, דארט וואו זיין מו־טער האט געוואוינט, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון כבוד־אם, זיך מיט איהר צו געזעגענען, מיט איהר פערבלייבען אנ'ערך פון פיער וואכען, און דאן פון דארטען גלייך אוועקפאהרען קיין ארץ־ישראל.

אבער איידער ס'האבען זיך נאך געענדיגט די פיער וואכען איז זיין ווייב די רביצין שווער קראנק געווארען. פון פאהרען וויטער האט שוין קיין דבור אפילו נישט געקענט זיין, מען האט גע־בומען די גרעסטע דאקטוירים פון אונגארן, נישט קוקענדיג אויף די גרויסע שפעזען וואס זיי האבען געקאסט, אבער קיינער פון זיי האט איהר געבראכט די רפואה, דאס האט געדויערט א משך פון דריט־האלבען יאהר. מיט דעם רעשט געלד וואס ער האט נאך פערמאגט, האט ער געפיהרט די קראנקע קיין פעסט. דארט פערווייל דרייצעהן וואכען, און דאן, זעהענדיג אז ס'ווערט איהר נישט בעסער, זי געגומען קיין ווין צום פראפעסאר שקאדע, דער בעריהמטסטער אויף דער גאנצער וועלט, וועלכער האט איהם ערקלערט, אז ס'איז לחלוטין נישט מעהר פאראנען קיין רפואה צו איהר לאנג־יעהריגער קראנקהייט.

אין א קארב (בעסקעט) האט מען זי געמוזט טראגען צו דער באהן אויף דער היים־נסיעה. מען האט זיכער גערעכנט אז זי וועט נישט דער־ציהען אהיים קיין ניגרעשט.

מען האט זי דאך, ווי ס'איז, צוריק אהיימגע־בראכט.

קומענדיג אהיים, האבען זיי זיך דערוואוסט, אז ר' מרדכי'לע באדווארנער איז גראד אנגעקומען קיין ניגרעשט אויף שבת.

„טו מיר א טובה, מיין מאן — האט די מס־כנת'דיגע רביצין געזאגט צו איהר מאן — און געה אריבער צום באדווארנער צדיק ער זאל פאר מיר מעורר רחמים זיין דערמאן איהם, אז א משך פון יאהר'ען האב איך איהם אויסגעהאלטען מיט ריינע, כשר'ע זאקען, מיט האנדטיכער און טיש־טיכער. אפשר וועלען זיינע תפלות גיכער מיר העל־פען ווי די רפואות פון די דאקטוירים".

איהר מאן, דער רב, איז אפילו נישט גע־ווען זעהר פערקאכט אינ'ם באדווארנער רבי'ן אבער ווען אלע שטריק רייסען זיך שוין, ווען ס'איז שוין מעהר נישט פאראנען קיין שום אויסזיכט און קיין פיצעל האפנונג אויף א רפואה בדרך הטבע, קען מען דאך נישט דעם קראנקען אבזאגען אזא בקשה.

ער איז געגאנגען צו ר' מרדכי, איהם געגע־בען א פדיון מיט א קוויטעל מכח זיין בקשה, און אויך בעל־פה דערצעהלט אלצדינג וואס האט מיט איהם פאסירט די לעצטע דריי יאהר.

דער צדיק ר' מרדכי'לע איז די גאנצע צייט געזעסען מיט געשלאסענע אויגען, שטארק פער־דבק'ט. דאן ווען ר' חיים יעקב האט געענדיגט, האט דער צדיק ארויפגעלעגט זיין רעכטע האנד אויפ'ן האר'ץ און זיך אנגערופען צום ליקער רב כהאי לישנא:

„גלויבט מיר ליקער רב, אזוי ווי כ'בין א יוד, אז וויבאלד כ'זאל האבען אפילו א טויזענד־סטעל ספק אין מיין הבטחה וואלט איך אייך נישט מטריח געווען מיט א נייער נסיעה. די הקדמה מוז איך אייך זאגען, מחמת איך בין זיכער אז איהר וועט ביי אייך טראכטען: אויב די גרעסטע וועלטס־דאקטוירים האבען צו מיין ווייב'ס חולאת נישט געקענט געפינען א רפואה, טא ווי אזוי איז דאס מעגליך אז אזא באבסקי רפואה זאל זי צו־ריקשטעלען אויף די פיס? דעריבער איבער'חזר איך מיינע דיבור'ים: ווי כ'בין א יוד, אז וויבאלד איך זאל נישט זיין זיכער, אז דאס וואס כ'וועל אייך הייסען טון וועט ברענגען פאר אייער קראנקע רביצין א זיכערע רפואה, וואלט איך אייך נישט מטריח געווען, איצט הערט מיך אויס:

פאהרט תיכף אריבער קיין באדווארנע. נעמט מיט אייער קראנק ווייב. דארט זאלט איהר געהען צו דעם באר־בירער (פעלשער רופא) וואס כ'שרייב שייך דא אויף דעם נאמען און זאגט איהם, אז איך האב אייך צו איהם געשיקט כדי ער זאל היילען אייער ווייב.

מיט שווער'ע מיה האט דער ליקער רב גע־בראכט זיין קראנקע קיין באדווארנע. פאר זיין שכר־טרחא, רפואות און פאר אנ'אשה וואס זאל די רביצין בעדינען. האט דער רופא פערלאנגט די סומע פון צוויי הונדער'ט גולדען, מיט דעם צוזאג, אז בין זעקס וואכען וועט זיין ווייב פאלקאם גע־זונד ווער'ען.

די לעצטע צוויי הונדערט גולדען וואס זע־נען דעם רב נאך פערבליבען פון דער גרויסער ירושה. האט ער איצט אוועקגעגעבען דעם באד־ווארנער רופא. דאס איז געווען אין דער מיטען פון חודש אב. און אין א טאג פאר ערב יום־כפור. איז דער רב מיט איהר אהיימגעקומען קיין ני־גערשט, געזונד און מונטער און ווי יעד'ער געזונטער מענש.

אבער געוואוסט האט יעדער איינער, אז נישט דער באר־בירער האט געבראכט איהר די רפואה נאר דער רבי ר' מרדכלי. דער ליקער רב איז אויך זייט דאמאלס רייכער געווארען מיט א ידיעה אז מיט א צדיק הדור טאר מען נישט טרייבען קיין חכמות. בעסער לגמרי גאר נישט צו פרעגען אייד'ער צו פרעגען און דאן נישט צו פאלגען.

דעם פלאן פון א נסיעה קיין ארץ־ישראל האט ער דאן איבגאנצען אויפגעגעבען.

מארילקע / פון יוסף זעלקאוויטש

(פונ'ם ציקל: „דארפיש לעבען")

אין מארילקעס אויגען שפיגעלט זיך אפ דער הימעל.

ניין, מארילקעס אויגען זענען אליין הימלען; צוויי בלויע און טיפע הימלען.

ווער עס האט זיבען זונען — איך האב נישט מעהר ווי צוויי, צוויי שווארצפייערדיגע זונען אין מארילקעס אויגען, וועלכע האבען געווארפען שפי־ציגע בליצען גלייך צו מיר אין האריץ אריין.

און ליפען צוויי האט מארילקע — רויט־פייער־טיגע שקיעה־וואלקענס, רויטער און הייסער, ווי עס איז דער פייער אין גיהינום.

און אז עס צועפענען זיך די פייערדיגע וואל־קענעס, זעהט זיך צוויי שורות קאלטע, פערגלי־ווערטע האגלען, ווייסע און אויסגעבלייכטע — מאר־ילקעס ציין.

דער האלז איהרער איז פערדונדיגט און אויס־געטאקט, ווי דער קופאל פון אונזער דארפישען קלויסטער, וועלכער פערבלענדעט מיט זיין ווייס־קייט אלע מענשליכע אויגען, און ברוסטען צוויי, זענען זיי...

נישט ווי שעפסלעך, ווייסינקע, ווי טויבען, ליבינקע, ווי סטר'ונעס, אנגעצויגענע — דאס וואל־טען געווען באנאלע פערגלייכונגען, און דאס האט בען שוין איבעריגענס כמעט אלע פאעטען, ביז מיר געזאגט, — מארילקעס ברוסטען זענען.

יצר־הרע'ס צוויי, נישט ווי ביי אלע מענשען. אויף דער רעכטער זייט א יצר־טוב און א יצר־הרע אויף דער לינקער זייט — מארילקע האט צוויי יצר־הרע'ס, לעבעדיגע, בעוועגליכע, וואס ווינקען און רעגען אן צו זינד.

מארילקע איז דער ברילאנט, איינגעפאסט אין באלדענעם רינג פון זונען־קרייז ארום אונזער דארף, מארילקע איז דאס פערלשנירל אויפ'ן תמימות'דיגען האלז פון אונזער שלוה'דיגען דארף און —

דער באמלומטער קראוואט אויף מיין שטא־טישען האלז.

מענשען שפילען אפ די גאנצע לעבענ'ס און פערשפילען זיי, שטעלען איין פערמעגענס, שטעלען איין לעצטע גראשענס און פערשפילען און איך מזל־קינד, איך האב גאר'נישט איינגעשטעלט און געווינען

די שענסטע שיינקייט, די ליבסטע ליבע, דאס באטירליך איינפאכסטע — איך האב געווינען מא־רילקען!

איי — הא! ווי גליקליך איך בין!

די בעגעגעניש אונזערע איז געווען אזוי תמימיתדיג, איינפאכיג, אזוי באאיור־אידיליש, ווי עס איז מארילקע אליין. —

מיר האבען זיך בעגעגענט ביים ברונעם. איך מיט'ן עמער אין האנד אויפצושעפען פרישע וואסער אום מיר ארויסצווואשען דעם שטאטישען שטויב פון האלז או זי מיט אנ'עמער אויפצושעפען א פרי־שען טרונק פאר דעם אפגעמאטערטען פערדעל, וואס איז א פער'שוויצטעס צוריקגעקומען פון פעלד.

מארילקע האט זיך אריינגעבויגען אינ'ם טיפען ברונעם און אין דער קילקייט פון וואסער האבען איהרע ברוסטען זיך טובל געווען און בעת זי האט ארויסגעהויבען דעם קאפ פון ברונעם מיט א פנים, א צערויטעלטען פון דער אנשטרענגונג בין איך גע־בליבען אן אנגלשונדיגער שטיין: און קוים וואס די ליפען מיינע האבען געשעפטשעט:

— וואסער'ע ענטפלעקונג! וואסערע שיינהייט!

מארילקע האט א בליק געגעבען מיט די אויגען און א צאר'טע האלד־סטרונע האט אויסגעוונגען ווער־טער־גאמען.

— טיף דער ברונעם, פאניע, וועסט נישט קע־בען אויפשעפען.

— עס זענען, מיידעל, דיינע אויגען נאך טיפער...

זענען מיר דעמאלט צוויי זונען אונטערגעגאנ־גען — מארילקע האט צניעות'דיג די אויגען מיט די זיידענע ברעמען־פארהאנגען פערשטעלט. אבער אין א מינוט ארום האבען זיי מיט פרישען גלאנץ איבער־א בייס אויפגעשיינט:

— וועסט נישט קענען, פאניע, אויפשעפען; עס איז טיף דער ברונעם.

— ווי שיין דו ביזט, מיידעל!

— אויב דו ווילסט, פאניע, וועל איך דיר העל־פען אנשעפען.

איך שווער ביי מארילקעס אויגען, איך שווער ביי מארילקעס תמימות'דיגען חן, אז איהר פאר־שלאג איז געווען אזוי אן פביותדיג און ריין, ווי ריין עס זענען געווען איהרע ליפען פון פארב, איהרע באקען פון פודער און איהרע אויגען פון שמינקע.

ביים ארויפציהען דעם עמער האבען אונזערע הענד זיך בעגעגענט. יעד'ע בעגעגעניש האט מיינע אדערן עלעקטעריזירט און דאס בלוט אין זיי האט אנגעהויבען משוגע —משונה'דיג צו קאכען, שפע־טער האט מיך ארומגענומען קאכעדיגער אטעם א בעשמעקטער פון פריש געשניטענעם היי און רויזענ־קנאספען און מחמת שוואכקייט, האב איך געמוזט די הענד, ווי אין א תפילה צוזאמענגענומען, אויף דער קני זיך שטעלען און מתפלל זיין:

— דו, די שענסטע, וואס דו ביזט, דו די הער־ליכסטע, וואס דו ביזט...

— מיך רופט מען מארילקע.

— א, מארילקע!...

און ווייטער האב איך נישט געקענט, איך בין שוואך געווארען... עס איז פינסטער געווארען; עס האט מארילקע זיך פון מיר אויסגעדרייט און פון ווייטענס האב איך געהערט איהרע געלעכטער־טרעלען, וואס האבען מיר, ווי שווערע, זילבערנע העמערלעך געהאקט אין די שלייפען אריין, אין האריץ אריין...

א תמימות'דיגער פויערל האט מיך מיט מיין אנגעשעפטען עמער בעגאסען, פו והתלהבות'דיגען השתפכות־הנפש דער'מונטערט און מיך אין דער כא־לופע אריינגעפיהרט.

און היינט איז מארילקע מיינע, איינציג און אייגען מיינע!

איי — הא, ווי איך בין גליקליך!

שטאטישע דאמען מיט אייערע „געמאכטע" ליפען, געקינסטעלטע ברעמען, פערשווארצטע אוי־גען, געפארבטע האר, אריינגעשטעלט ציין, אונטער געהויבענע בוזים'ס, אויסגעבעטע הינטענס און פאר־פומירטע גופים, בעת איך האב אייך בעטראכט, האב איך שטענדיג געטראכט זיך:

„ס'איז א בהגם'דיגע אייער ארבייט; איהר ווילט מיך און אנדער'ע גענאר'ען — איהר וועט עס נישט קענען, ווייל

„נישטא קיין נאטירליכע ליפען, וואס זאלען אויסזעהען גראד אט אזוי, ווי די אייעריגע, וואס איהר האט זיך „געמאכט", נישטא קיין נאטירליכע ברעמען, אזעלכע דינע און פערדונדיגטע, ווי די בויגענס, ביז צו די שלייפען, ווי די, וואס איהר האט אייך געמאכט מיט דער הילף פון בריטווע און שוואר'צען קויל — איהר פעלשט, איהר קאפירט שלעכט די נאטור".

אזוי האב איך וועגען אייך שטאטישע דאמען געטראכט, כל זמן איך האב נישט בעגעגענט מארילקען, האב איך זי אבער בעגעגענט האב איך דורך־ארץ בעקומען פאר אייך, ווי פאר איינעם, וואס בעקומט ארויס פון א הילצערנעם, אליין אויסגע־שניצטען פייפעל קאנאר־עק־עהנליכע טרעלען, טאקע נישט אינגאנצען ריכטיג, אבער שיין קאפירט; איהר קאפירט אזוי מארילקען, — ווי א שטייגער א מאלער, וועלכער קאפירט ראפאעלס מאדאנע, און אלס צייכען פון כלומר'שטער עכטקייט, מאכט ער איהר סמנים פון געשטעלטע פאקען אויף די באקעטע הענד...

איך האב עס געזאגט מארילקען: (און געטון האב איך דאס, איך בין זיך מודה, כדי איהר גע־פעלען צו ווער'ען).

— דו פארבסט זיך נישט, מארילקע, דו בע־שמעקסט זיך נישט און דו ביזט שענער און שמעקע־דיגער, ווי אלע שטאטישע צוזאמענגענומען.

— ע, דאס לאכסטו פון מיר, פאניע; איך האב די שטאטישע געזעהען, זיי טראגען זיידענע בגדים און בעת זיי גייען, רוישט עס אזוי, ווי עס וואלט ווינטעל מיט די זאנגען אויפ'ן פעלד זזיך געשפילט.

— דאס איז א פוסטער גערויש, מארילקע, אבער אז עס רייבט זיך דיי זכראסט לייווענטען העמד אן דיין בעמלוישער סאטינקענער בלוזע, איז עס, ווי א געבעט פון א פערליבט טויבענפאר...

— דו רעדסט צ ומיר אזוי מאדנע, פאניע, איך פערשטיי דיך נישט.

דו האסט מיך ליב מארילקע?

— א מאדנע קשיא, פארוואס זאל איך דיך פיינד האבען!

ניין, זי האט מיך נישט פערשטאנען, מארילקע, זי די פראסטע, דארפישע האט נישט פערשטאנען די ראפינירקייט פון דער געשליפענער שטאטישער צונג, גראר, ווי זי האט נישט בעגריפען די גראב־קייט פון דעם שטאטיש זיידענעם פעניואר און די גראב־חיהשער געשלעכטליכקייט פון דער שטאטיש־זיידענער העמד־הויזען־קאמבינאציע...

ביי מארילקען איז אלעס געווען אזוי פראסט און פשוט, ווי פשוט עס איז אויסגעקומען דאס וואקסען פון דער תבואה אויפ'ן פעלד, ווי פשוט עס איז געווען דער גלאנץ פון איהרע אויגען, ווי פשוט עס איז געווען איהר גאנצע שיינקייט. און זי פלעגט טאקע זאגען:

— נו, וואס בין איך שולדיג, אז אלע יוארפעו

(ווייטער זעה 12. זייט).

דער קונדס

הומאָר — סאַטירע

צוזאַמענגעשטעלט — דורך א. שאַרמצינגעל

פּאָליטיק פון דער וואָך

אין דער היינטיגער וואָך איז אַביסעל שטיל געווען, מיט'ן פאָהרען, צווישען די דיפּלאָמאַטען. מען איז נישט געפאָהרען. די דייטשען זענען געקומען פון רוים און שוין, מען זיצט שוין אויף די ערטער.

גענוג געפאָהרען?

מען וואָט שוין מעהר נישט פיהרען די דיפּלאָמאַטיע אין רייזע־רענצעל?

די פּאָליטיק איז לעצטענס געווען אַ פאָהרענדיגע, אַ פליהענדיגע, נישט־וואו, נישט־ווען, — אַ פליה, אַ פאָהר, פּלוצים — סטאָפּ!

סטאָפּ, איז סטאָפּ. מען האָט אַרויסגענומען די פּאָליטיק פון רייזע־רענצעל און מען וואַרט — אויף נייע רייזעס.

וואַרטען מיר אויך.

——=):O:(=——

ווי די זון

זי (צו איהר מאַן, מיט אַ טענה): — דו פלעגסט מיר אַמאָל פאַר דער חתונה זאָגען, אַז איך בין ביי דיר ווי די זון.

ער: — איך זאָג דאָס איצט אויך.

זי: — דו קוקסט דאָך אויף מיר נישט.

ער: — אויף די זון קען איך אויך נישט קוקען.

——=:O:=——

אונטערגעהערט אויף דעם זאַמד פון פּליאַזשע

מיידלעך פון אַ פּענסיאָנאַט זענען געלעגען ביי דער פּלאַזשע אויף דעם זאַמד. דערנעבען די לעהרערינס.

אַ באַציאַן איז וואו־אַרום דורכגעפלויגען נידריג איבער דער פּלאַזשע. די מיידעל־קעפּ האָבען זיך צעגויפגערוקט און האָבען לאַכענדיג זיך געשושקעט. די לעהרערין האָט אין אויפרעגענדען טאָן געזאָגט:

— „און עס איז דאָך אַזוי"...

——=:O:=——

אַ שעהנע נאַטור

מאַן (צו זיין פרוי): — געפעהלט דיר דער זומער פּלאַץ, וועלכען מיר האָבען אָנגעקוקט?

פרוי: — וואָס רעדסטו... די נאַטור איז דאָרט אַזוי פאַנטאַסטיש שעהן, אַז עס פערכאַפּט מיר דער אָטעם און איך קען אַ וואָרט נישט אַרויסרעדען.

ער: — אויב אַזוי, וועל איך עס קויפען.

פּלענער

פּלענער, פּלענער,
אַ צייט פון
פּלענער, מען
פּלושקעט זיך אין
פּלענער, מען
שטאָפּט אונז מיט
פּלענער, מען
פריידיקט און מען
פּראָפּאַגאַנדירט
פּלענער, מען
פּראָוועט ביזנעס מיט
פּלענער,
פּלענער, פּלענער,
הימעל, ערד און פּלענער.
פּראָלעטאַרישע פּלענער,
פּלוטאָקראַטישע פּלענער,
פּרוטה־פּלענער,
פּאַטריאָטישע פּלענער,
פּוסטע פּלענער,
פּאָליטישע פּלענער,
פּאָסיווע פּלענער,
פּריקרע פּלענער,
פּאָליציי־אישע־פּלענער,
פּולווער־פּלענער,
פּאַסקודנע פּלענער,
פּלענער, פּלענער, אַלע פּלאַ־
גוואַלד, לאָמיר אויפהערען
פּלאַנען, אפשר וועט דאָס זיין אַ
פּלאַן אַ גוטער פאַר אונזער
פּלאַנען־רייכער,
פּלאָנלאָזער וועלט...

——=):O:(=——

מען שטרייקט אויף
צי מ'קאַפּיעט יא די ערד, צי מ'קאַפּיעט נישט...

ס'טוט זיך מעשים אין דעם שטעטעל:
(יעדער טוט דאָך, וואָס ער קאָן)
נו, איז איצט אַ שטיקעל טומעל
מיט דער אַרבייט פון סעזאָן...

סעזאָנאָווע אַרבייט שטייט נישט,
(איטליכער אָט דאָס פערשטייט,)
און פונדעסטוועגען, איהר זעהט דאָך,
אַז ביי אונז אין לאָדז זי שטייט...

אַרבייטער — זיי ווילען אַרבייט
(גיי, און ווייז זיי נאָר אַ וועג!..)
אָט די רוצחים, די גזלנים,
ווילען אַרבייטען פינף טעג!

ווענציג איז פיר טעג, מסתמא,
(הערט אַ חוצפּה — שווייגט און הערט!)
ניין, נאָר דווקא נאָך און מעהרער...
און מען קאַפּיעט נישט די ערד...

לאָפּעטע און דראַנג און רידעל,
(אַלעס דאָס עס ליגט און שווייגט)
אָפּגעלייגט מען האָט די כלים
און איהר זעהט דאָך, אַז מען שטרייקט...

אָבער ווען מען אַרט עס איצטער?
ווען מען מאַכט עס דען בערוועז.
ווען אַפילו יודען קאָפּיען
יאָהרענלאַנג, די ערד מיט נעז?

יאָקעל בן פּלעקעל.

זיין אַפּעטיט

דער ענדעק האָט זיך גענומען צו זיין צלטען מאכל

נישטאָ אין דער היים

אָט ווי איהר זעהט בין איך איינגעטונקען אין חובות. איך בין פערזעצט, פערבאָרגט, פערמשכנ'ט ביז איבער'ן קאָפּ.

אַז ס'קומט דער קצב טרייבערן, דער שניידער טרענט די אָדערן און דער שוסטער דרעהט אַ ספּאָדעק, טו איך אַ טובה מייגעם אַ בעקאַנטען און נעהם ביי איהם אַ גמילת־חסדל.

אָבער די לעצטע צייט איז געוואָרען פּאַסקודנע. בעלי־חובות טרעטען נישט אָב פון שטוב, איך שטעה אויף אין דער פריה זיי זענען שוין דאָ: זיצען דאָבריי!

איך זעץ זיך צום מיטאָג — סמאַטשנעגאָ! איך געה זיך לעגען שלאָפען — זעצען זיי זיך מיר אויפ'ן בעט און כאַפּען אויך אַ דרעמעל.

הכלל עס איז מיר געוואָרען ענג! פּאַסקודנע! האָט זיך מיישב געווען מיין ווייב, אַז „פּאַנאַ ניעמאַ וו דאָמו", איך בין נישטאָ הייסט עס, אינדערהיים.

בין איך אוועק פון שטוב און איך האָב אָנגעהויבען אָבצורייכטען גלות חובות. עס איז מיר געוואָרען אַ מחיה. איך זעה נישט אַ בעל חוב פאַר די אויגען.

איז אָבער אַ נייע צרה, מיין אייגען ווייב האָט מיר אָנגעהויבען זוכען, איך בין איהר אויך זאָגט זי אַ בעל־חוב, איך דאַרף אַ מאַנטעל, שיך קליידער און אַנדערע שאר ירקות...

איהר הערט דיבורים פון אַנ'אייגען ווייב? ערגער ווי אַ פרעמדע! האָב איך אָבגעמאַכט ביי מיר אַז אויס: איך בין נישטאָ אין דער היים. געהט זי אַריין דורך איין טיר, געה איך אַרויס דורך דער צווייטער טיר. מ'דאַרף נאָר נישט זיין קיין פייער...

אַז איך זעה, אַז זי שלאָפט, כאַפּ איך זיך אַריין אין שטוב און איך שפּאַר זיך צו...

ביינאַכט קוק איך אַריין דורכ'ן פענסטער און אַז ס'ווערט טאָג — בין איך שוין ווידער אין דרויסען. מען דאַרף קאָנען דרעהען אַ וועלט.

און מיין ווייב, מיין אייגען ווייב לויפט אַרום איבער'ן שטאָט און זי זוכט מיך אַרום פונקט, ווי אַ פרעמדע.

אַז איהר וועט זי זעהען, זאָלט איהר איהר זאָגען, אַז איך לאָז זי גריסען...

אַ געטרייער שווער

— איך האָב געהערט, אַז דו ביסט גאָרנישט געווען צו דיין טאָכטערס חתונה.

— ניין, איך האָב געמוזט דעם זעלבען טאָג געהן זוכען אַ פּאָסטען פאַר דעם חתן.

העלדישקייט

די בלומען־פערקויפערין האָט אָפּגעשטעלט אַ פערבייגעהער און איהם אָנגעבאָטען איהרע בלומען.

— קויפט אַביסעל בלומען פאַר אייער געליבטער!

— טוט מיר לייד. — ענטפערט דער מאַן, — איך האָב נישט קיין געליבטע.

— טאָ קויפט אַ קרענצעל בלומען פאַר אייער פרוי!

— איך בין נישט פערהייראַט.

— אויב אַזוי, — רופט אויס די בלומען־פערקויפערין, — טאָ פּרעזענטירט איהר אַליין מיט בוקעט בלומען פאַר דער העלדישקייט, וואָס איהר האָט בעוויזען, ווען איהר האָט זיך געקענט אַרויס דרעהען, סיי פון אַ געליבטער און סיי פון אַ פרוי!

אַ גוטע אויסצייכנונג

פאָטער (צום קינד): — הערשעלע, דו האָסט געקראָגען גוטע צייכענס אין שול?

הערשעלע: — יאָ, פּאַ. איך האָב געקראָגען זעהר גוטע צייכענס פון לעהרער, אָבער אויף אַזאַ אָרט, אַז איך שעהם זיך זיי דיר צו ווייזען.

ער האָט קיין האַרץ נישט

ווייב — געה שוין איבער צו יענעם פּאַסקודניאַק און ז'איהם מכבד מיט פּעטש, ער האָט נעכטען צו מיר פרעך אַריבערגעוואָרקען.

— מאַן איך האָב קיין האַרץ נישט.

ווייב — וואָס מיינסטו?

מאַן: איך האָב קיין האַרץ נישט.

אַ מענשען, וואָס האָט געוואָלט ווערען מייז לעבענס־רעטער...

פאַרוואָס ער שטודירט נישט קיין סך

פאָטער — ווייסטו, מיין קינד, דאָס דיין שטודירען קאָסט מיר אָפּ אַ פערמעגען?

זון — איך ווייס עס, פּאַפּאַ, דעריבער טאַקע שטודיר איך נישט אַ סך.

כדי מען זאָל נישט מיינען

זרח: זאָג נאָר ברוך, צי וואָס האָט מען בעדאַרפט בעשאַפען אַ בער?

ברוך: כדי מ'זאָל וויסען וואָס ס'איז אַ בער, אַז נישט וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען אַז „אלול" איז אַ בער.

מיידלעך

זעלטענע
מיידלעך
געראָטענע,
פיר,
באַמבלען
זיך היינט
אין זכרון
ביי מיר

איינע פון
זיי איז
אַצינד אין
איטאַליע

די צווייטע
איז ערגעץ
ווייט — אין
אַוסטראַליען

די דריטע
איז ערגעץ
נאָך ווייטער —
אין אַזיע
די פערטע,
די בעסטע —
אין מיין
פאַנטאַזיע

אַריינגעלעגט

נאָכ'ן קאָנצערט, האָט דער פּיאַנאָ־קינסטלער געפרעגט איינעם פון די קריטיקער, ווי אַזוי זיין שפּילען איז איהם געפעלען געוואָרען.

— שווער צו זאָגען, — האָט דער קריטיקער געענטפערט — אין אָנפאַנג, ווען איך בין געזעסען צו ווייט פון דער ביהנע, האָב איך אייער פּיאַנאָ שפּילען שלעכט געהערט. שפּעטער, ווען איך בין שוין געזעסען נעהנטער צו דער ביהנע, האָב איך עס געהערט נאָך ערגער....

קינדערשער שכל

צוויי קליינע קינדער, אַ יונגעל און אַ מיידעלע טראַכטען אין וואָס זיי זאָלען זיך שפּילען:

— לאָמיר זיך שפּילען אין טאַטע־מאַמע.

— איך וויל נישט, מ'דאַרף זיך דאַרפען קריגען.

— טאָ לאָמיר זיך שפּילען אין ברודער און שוועסטער.

— איך וויל נישט, דו וועסט מיך דאַרפען פּלאָגען און קאָמאַנדעווען איבער מיר.

— טאָ זאָל זיין שפּילען זיך אין שול, דו וועסט זיין די לעהרערין.

— דאָס איז אויך נישט גוט, איך וועל דאַרפען זיין אַנ'אַלטע און אַ שלעכטע.

אַנדערע צייטען, אַנדערע לידער

פרוי: — געדענקסט, נתן, אַמאָליגע יאָהרען, איידער מיר האָבען חתונה געהאַט? דו פלעגסט זאָגען, אַז ווען דו דערזעהסט מיך, הויבט ביי דיר אָן דיין האַרץ צו קלאַפּען, דיין בלוט צו קאָכען, און ווערסט בעהערשט פון איין געפיהל: וואָס בעהנטערע זיין מיט מיר... און איצט...

מאַן: — און איצט איז כמעט דאָס זעלבע: ווען איך דערזעה דיך, קלאַפּט מיר דאָס האַרץ, און דאָס בלוט קאָכט אין מיר, נאָר איך ווער בעהערשט פון איין געדאַנק: וואָס ווייטער צו זיין פון דיר.

קיין אַנדער ברירה נישט

ווייב (צו איהר מאַן, וועלכער איז געקומען 3 אַ זייגער פאַרטאָג): — פאַרוואָס ביזטו אַהיימגעקומען 3 אַ זייגער פאַרטאָג?

מאַן: — טייערע, אַלע אַנדערע פּלעצער זענען שוין געווען צוגעמאַכט.

גיך אויסגעפינען

— איך וואָלט וועלען וויסען, צי ווילי וועט מיך אויך ליב האָבען, ווען איך וועל שוין זיין אַלט?

— באַלד נאָך אייער חתונה וועסטו עס אויסגעפינען.

די ביהן איז שוין אַוועקגעפלויגען

— אוי, מאַמע! אַ ביהן האָט מיר אַ ביס געטון.

— גיס אַרויף אַביסעל אַמאָניאַק־וואַסער.

— די ביהן איז אָבער שוין אַוועקגעפלויגען.

אַ ביטערע ענטוישונג

— נו, וואָס האָט געזאָגט דיין געליבטע, ווען דו האָסט איהר פאָרגעשלאָגען חתונה צו האָבען מיר דיר?

— זי האָט מיך ביטער ענטוישט!

— בערוהיג זיך. נישט כדאַי צו ווערען פערצווייפעלט צוליב דעם, וואָס אַ פרוי זאָגט „ניין".

— זי האָט געזאָגט „יאָ".

ר. איזראַעל

(88

ליבע און טויט

סענסאַציאָנ. פּראַקטישער ראָמאַן פון לאָדזשער לעבן

אַז ריטאַ איז געווען איינגאַנצען אומשולדיג, אין דעם איז קאַרצעלאַ שוין געווען איבערצייגט, אַז זי האָט געוואָלט אויספּיהר'ען דעם אָנפאַל, נאָר כדי מען זאָל זי פערהאַלטען און זי זאָל זיך אַזוי אַרום קענען אַרויסראַטעווען פון די פרויען־הענדלער איז ביי איהם מעהר נישט געווען קיין ספק. קאַרצעלאַ האָט נאָר געטראַכט צי ער קען נישט אויסנוצען ריטאַן פאַר זיין ווייטערדיגער אויספאָרשונג און אויף וועלכען אופן ער קען דאָס טון.

ער האָט געהייסען אַריינפיהר'ען ריטאַ'ן צו זיך אין צימער אַריין.

ריטאַ איז געווען מיד פון די שרעקליכע איבערלעבענישען, זי איז אפילו נישט פעהיג געווען צו טראַכטען וועגען איהר צוקונפט, איהר איז געווען אַלץ איינס וואָס מען וועט מיט איהר ריידען אָדער טון. וואָלט זי כאָטש געהאַט אימיצען אויף יענער זייט ים, צו וועלכען זי וואָלט זיך געקענט ווענדען וועגען הילף, וועגען שוץ, וועגען אונטערשטיצונג, איז זי דאָך איינזאַם אויף דער גאַנצער וועלט, קיין מענש נישט צו וועמען צו ריידען, אַהערגעקומען איז זי דאָס אויס נויט, אויס ווילען צו קאַריערע, צו אַרבייט, אָהן אַ גראָשען אין טאַש, איינגאַנצען אויפ'ן בער'אַט פון איהר „סימפּאַטישען דירעקטאָר", וועלכער האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט אַלס געפעהרליכער פרויענהענדלער.

קאַרצעלא האָט איבערגעשלאָגען די געדאַנקען, בעטענדיג זי זיצען.

ריטאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט.

פריילין פריהלינג, האָט קאַרצעלאַ אָנגעהויבען, די שנעלע ערשטע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַלץ וואָס איהר האָט מיר מיט 2 שעה צוריק דערצעהלט איז דער ריינער אמת. איהר קענט (אַלזאָ נישט בעשולדיגט ווערען אין קיין שום זאַך און איך ערקלעהר אייך, אין נאָמען פון געזעץ, אַז איהר זענט פריי און איהר קענט געהן.

די דאָזיגע ווערטער האָבען אויף ריטאַן אַבסאָלוט נישט געווירקט, איהר פנים האָט קיין שום אויסדרוק נישט געהאַט, קיין איין מוסקול פון פנים האָט קיין ריהר נישט געגעבען, זי האָט זיך נישט אויפגעשטעלט (פון אָרט, נישט געדאַנקט, נישט פראָטעסטירט, נישט געפרעהט זיך, נישט געטרויערט, זי איז געבליבען זיצען ווי פערשטיינערט.

— וואָס, איהר זענט נישט צופרידען פון דעם דאָזיגען אויסגאַנג, איהר ענטפערט גאָרנישט.

אין די ווינקלען פון ריטאַס אויגען האָבען זיך בעוויזען 2 גרויסע טרעהרען, וועלכע האָבען זיך אַראָפּגעקייקעלט איבער איהרע בלייכע באַקען, זי האָט זיך מעהר נישט געקענט איינהאַלטען. אַלע בעמיהונגען צו פערהאַלטען דאָס געוויין האָבען זיך נישט איינגעגעבען און ס'האָט געדרונגען אַ היבשע וויל, ביז זי איז אימשטאַנד געווען אַרויסצוריידען אַ וואָרט.

— איהר האָט מיך פער'משפּט צום טויט, האָט ריטאַ אַרויסגעשטאַמעלט.

קאַרצעלאַ איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט:

— פריילין איהר האָט מיך נישט פערשטאַנען, אפשר האָט דער דאָלמעטשער אייך שלעכט פערטייטשט דאָס וואָס איך האָב געזאָגט: ער האָט זיך געוואָנדען צום דאָלמעטשער און געזאָגט:

— ערקלערט דעם פריילין, אַז מיר זענען איבערצייגט אין איהר אומשולד און זי איז איבעגאַנצען פריי.

דער דאָלמעטשער האָט דאָס איבערגע'חזר'ט ריטאַן.

— איך ווייס, איך האָב עס באַלד ביים ערשטען מאָל אויך פערשטאַנען, אָבער בעפרייען מיך איצט איז גלייך מיט טויט־שטראָף. וואוהאַהין וועל איך געהען, וואָס וועל איך טון, איך קען דאָ קיינעם נישט, איך קען נישט ד ישפּראַך, איך האָב נישט קיין געלד, און דער דאָזיגער גרויסער שטאָט וואָס הייסט בוענאָס־איירעס לויערען דאָך אַלערליי אויסוואורפען, וואוהאַהין וועל איך איצט געהען? און מיין „דירעקטאָר", צי וועט ער מיך אַזוי צורוה לאָזען.

קאַרצעלאָס פּלאַן האָט זיך איינגעגעבען, ער האָט שוין פון פריהער פערשטאַנען, אַז מ'קען נישט לאָזען ריטאַן, דאָס יונגע שעהנע מיידעל אַזוי אין גאַס אַריין אויף גאָטס בעראָט, אויב אָבער ער האָט זיך אויף אַזאַ אופן געווענדעט צו איהר, איז עס געווען דערפאַר, כדי ער זאָל זיך איבערצייגען, צי ריטאַ פערשטעהט גענוג איהר לאַגע, צי זי גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון דעם, אַז זי געפינט זיך איבגאַנצען אין זיין האַנד און ער וועט עווענטועל, אין אַ נויט פאַל דאַרפען זי אויסנוצען אויף אַזוי־פיל, אַז זי זאָל קענען נוצען ברענגען דער ווייטערדיגער אויספאָרשונג. קאַרצעלאָ האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט זיך ערשט איצט געכאַפּט וואָס ער האָט געוואָלט טון און געזאָגט.

— איהר האָט רעכט, פריילין, איך האָב מיך גאָרנישט דערויף אָנגעשטעלט, אַז ס'איז געפעהרליך אייך איינע אַליין צו לאָזען אין שטאָט אַריין, אָהן בעקאַנטע און אָהן געלד.

— אָבער וואָס איז געוואָרען מיט פּראָפעסאָר לעהמאַן, האָט ריטאַ פּלוצלונג געפרעגט. איך בין איבערצייגט, אַז ער איז מיין פריינד, ער האָט מיר פּייערליך צוגעזאָגט שטענדיג בייהילפיג צו זיין אַלס דאַנקבאַרקייט דערפאַר וואָס איך האָב איהם זיין לעבען געראַטעוועט. ווען ער זאָל קענען אַהער קומען וואָלט ער מיך זיכער צוריקגענומען קיין אייראָפּאַ און דאָרט וואָלט איך מיר שוין אַנ'עצה געגעבען.

— הם... אַזוי... אייער איינציגע האָפנונג איז איצט דער פּראָפעסאָר לעהמאַן... ליידער, ליידער, די האָפנונג איז נישט אַזאַ ראָזיגע...

— פאַרוואָס זאָגט איהר אַזוי? איז דען ווידער עפּעס געשעהן?

— ליידער יאָ, פּראָפעסאָר לעהמאַן האָט איהר אַזוי שנעל נישט קענען זעהען.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט קאַרצעלאָ אַרויסגענומען דעם בריף וואָס ער האָט בעקומען פון „שוואַרצען אָרדען" און געהייסען דעם דאָלמעטשער פערטייטשען ריטאַן דעם אינהאַלט פון בריף.

(פאָרטזעצונג קומט).

אוטאָפּיע אדער ווירקליכקייט

(ענדע פון 7. זייט)

ביי האָט מען צו טוּען מיט אַ אויסערליכען שונא, וועלכען מען קאָן בעקעמפען און אַמאָל טאַקע בישט, אין בעסטען פאַל שוין, נאָך אַ נצחון ווערט אויך דאָס פאָלק נישט אויסגעלייזט און מעהר גליקליך, ווי פאַר דער מלחמה.

אויך דאָס אריינשמוגלען פון אַ ווענערישער קראַנקהייט פון אַנ'אַנדער לאַנד וואָלט געווען אונמעגליך אַ דאַנק אַ ספּעציעלער סאַניטאַר־קאָנטראָלע וועלכע וואָלט געהאַט די אויפגאַבע אַרויסצוגעבען דעם רייזענדען אַ ספּעציעלע סאַניטאַרע איינרייזע־ערלויבניש.

די אידעע פון פּראָפ. בונגע איז אַ נאַטירליך. אַ זעהר אידעלע און ערהאַבענע אין יעצטיגען מאָמענט איז עס נישט מעהר ווי אַנ'אוטאָפּיע, אָבער, ווער ווייס?

מיט עטליכע צעהנדליגער יאָהרען צוריק, ווען מיר האָבען אַלס קינדער געלעזען זשול־ווערנס פערכאַפּענדע ראָמאַנען, וועגען דער רייזע אַרום די וועלט אין 80 טעג", צי איז עס נישט געווען דאַמאָלס אַ ריינע אוטאָפּיע? מעגליך, אַז אין אַ געוויסע צייט אַרום, ווען דאָס גליק פון פאָלק וועט געשמידט ווערען נישט מיט קיין שווערד, נאָר אין דער שטילקייט פון וויסענשאַפטליכע גאַבינעטען און לאַבאָראַטאָריעס, וועט די אידעע פון ד"ר בונגע ווידער אויפשווימען און פון אַנ'אוטאָפּיע פערוואַנדעלט ווערען אין אַ ליכטיגע ווירקליכקייט.

מאַרילקע

(ענדע פון 10. זייט).

מיר פאָר מיין שיינקייט? — איך האָב דאָך מיט גאָרנישט נישט מיטגעווירקט דערצו!

איך האָב איהר פאַרנאַכט פון אַ הייסען זומערטאָג אין פעלד געטראָפען, זי האָט איהרע פיס געוואַשען אין זילבער'נעם, קוועלענדיגען טייכל, איך האָב מיינע שיך פון די פיס אַראָפּגעוואָרפען, האָב זיך בעבען איהר אויפ'ן גראָז אַוועקגעזעצט, אַריינגעשטעקט די פיס אין וואַסער און געלאָזט לויפען דאָס וואַסער פון איהרע פיס אויף מיינע אַרויף, פון איהרע, ווי אויסגעהאַקטע פון מאַרמאָר פיס אויף מיינע, האָריגע, מאַנסבילישע.

נישט וואַסער קאַלטעס און קוועלעדיגעס איז עס געווען — בלוט, הייסעס, זודיגס און שטורעמדיגעס, איך האָב נישט אויסגעהאַלטען:

— מאַרילקע, לאָמיר זיך באָדען, באָדען דאָ אָט אין טייכעל...

— צי וואָס זיך באָדען, איך בין אַ ריינע, אויף זונטאָג האָב איך זיך געוואַשען, איינגאַנצען געוואַשען...

— מיר איז הייס, מאַרילקע, איך ווער פערברענט...

— טאָ באָד זיך אויב דו ווילסט.

— און דו, מאַרילקע, דו וועסט נישט אוועקגיין?

— פאַרוואָס זאָל איך אוועקגיין?

יאָ, אַזאַ איז מאַרילקע געווען, פּשוט און איינפאַך, ווי דער זומערדיגער זונטאָג־טאָג אין דאָרף, ווען אַלע פויערים זאַטע און מידע פון לעדיגגיין שלאָפען אין די שאָטענ'ס פון זייערע כאַלופּעס.

און שפּעטער, ווען אַ שניידיגער ווינד פון אַ בייזען וואָלקען האָט אונז, ווי ער וואָלט אייפערזיכטיג געווען, אויפגעוועקט פון עקסטאַז פון אַרומקווילען זיך אויף ווייכען, פייכטען גראָז און מיין שטאָטיש ראַפינירטע צונג האָט אָנגעהויבען אויסזוכען ווערטער פאַר איבערבעטען, פאַר ענטשולדיגען זיך, האָט זי מיר מיט דער האַנד דאָס מויל פערשטעלט און הייסע ליפען האָבען מיר געשעפּטשעט אין אויער אַריין:

— אָבער צו וואָס? צו וואָס טייערער... איך האָב דאָך געוואָלט, גראָד אַזוי ווי דו... וואָס פערענטפערסטו זיך, נאַרעלע... קום ביינאַכט... ביי באַכט אין שייער.

אַזאַ איז געווען מאַרילקע.

DOKTOR

H. WOŁKOWYSKI

צוריקגעקעהרט

צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 216-90

ספּעציאַל־אַרצט פאַר הויט־ און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער־שוואַכע, אַלע ארט אַנאַליזען, עלקטראָטעראַפּיע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־שטראַהלען.

נעמט אָן פון 8–2 און פון 9–5אָ וועגד.

בעזונדער וואַרטע־צימער פאַר פרויען.

23־טע מלוכה־לאָטעריע

4־טע קלאַס, 2־טע ציהונגס־טאָג

Zł. 10.000 na nr. 103281.

Zł. 5,000 na nr. 25195.

Po 3.000 zł. na nr.: 156008 185592.

Zł. 1.000 na nr.: 179736.

Po zł. 700 na nr.: 54658 58544 80043 109605 124579 198987.

Po zł. 500 na nr.: 13130 57557 70329 94717 132703 142964 144224 149156 170956 174800 178359 203547.

Po 400 zł. na nr.: 99 7717 49141 25649 63662 67519 73244 86525 91748 100460 106519 113759 116934 118015 120127 130973 137801 146885 159037 169799 173096 177094 200916 205927.

Po zł. 300 na nr.: 489 11573 13422 16174 20471 25237 33895 34242 34410 36279 40861 41141 42927 44071 44565 45478 51441 52308 59185 64232 67663 68758 71381 73287 79331 80933 83240 85095 86589 87312 92080 96974 98307 98393 106583 112512 113664 119172 121512 123682 124408 126971 129923 135797 139047 139185 139837 141407 152863 157992 158124 160814 164288 165663 166219 167519 169209 175839 177886 181880 183000 183187 185870 187184 189913 192671 193962 197285 197354 197873 199180 199391 199399 199411 199644 202414.

Po 250 złotych wygrały numery następujące:

256 503 80 633 763 78 981 1134 288 577 635 718 991 2026 527 786 3029 181 87 353 407 23 53 735 80 87 846 4021 100 71 441 64 81 542 92 650 72 744 66 5064 307 498 522 44 639 40 48 756 91 820 59 95 974 6125 67 346 664 727 892 7071 150 98 239 560 62 67 763 8090 161 413 601 84 706 831 974 9054 113 20 89 203 25 328 97 462 834.

10099 122 297 314 504 934 11023 27 178 83 264 332 572 614 71 780 983 12023 46 142 265 590 962 13065 84 199 598 801 68 936 73 14039 81 154 82 97 387 423 587 690 852 98 15017 251 497 591 611 734 75 870 938 87 16209 324 709 15 78 17028 123 305 86 525 642 53 865 18058 117 45 260 98 495 504 672 903 49 54 19225 42 84 379 651 60 811 40 962.

20231 519 754 849 957 21088 102 85 366 440 43 590 660 66 793 950 60 22175 321 61 410 502 6 54 634 23151 506 959 24170 355 411 523 624 794 802 77 917 25056 89 441 80 503 617 22 755 72 26306 571 664 992 27311 87 473 512 640 828 982 28147 72 254 318 577 843 935 29272 89 406 18 593 671.

30020 46 54 102 85 242 50 431 503 604 44 73 916 31177 250 311 42 77 595 621 53 794 883 98 941 32010 130 76 273 479 751 836 88 932 33054 197 276 653 716 23 46 78 825 62 77 991 34369 871 35014 15 164 244 385 435 670 906 36035 78 147 76 379 447 75 953 37035 37 107 43 76 364 419 50 77 668 73 787 98 816 83 38025 94 167 299 312 416 687 805 39070 84 374 438 782 94 915 37.

40375 449 64 552 603 41015 39 153 206 494 653 728 90 42064 225 410 21 45 77 516 882 955 56 69 78 43399 443 653 894 922 44151 79 270 369 427 539 608 798 808 970 45274 339 471 556 64 681 767 74 827 46140 84 301 17 87 712 47147 66 216 67 328 809 64 981 48114 315 466 809 94 949 65 93 49140 293 443 87 572 845 991.

50157 87 264 322 448 694 706 829 51126 418 833 34 49 52081 140 256 68 346 59 405 13 16 677 735 824 42 97 52018 385 405 529 743 54070 191 264 634 808 68 99 992 55079 217 54 68 975 56103 393 411 542 817 18 57080 268 81 335 430 72 500 675 713 74 58013 197 210 58 427 43 60 673 964 59024 117 204 23 417 29 665.

60038 110 81 95 202 65 414 24 550 723 888 957 61115 200 41 78 340 447 79 638 798 907 62296 408 65 803 63123 85 299 566 750 84 812 39 65 64032 310 85 429 545 608 21 48 96 765 72 919 65079 438 566 74 654 82 980 66037 305 405 598 697 901 67219 509 652 851 52 94 68154 266 497 606 789 892 69059 128 297 332 678 81 82 721 70 879 93 982 87.

70046 87 258 69 423 70 87 507 35 694 944 71198 386 581 691 765 950 72070 74 418 92 697 930 31 37 73285 86 319 551 833 960 76 74356 534 74 858 76 971 75007 15 167 248 96 396 613 44 895 76019 20 117 38 237 62 323 426 640 81 84 77311 424 43 603 78030 155 405 508 26 778 903 63 79123 241 373 679 797 923.

80083 167 86 374 488 656 62 704 21 31 50 70 75 879 957 81207 66 519 739 54 82008 286 95 342 46 511 98 705 912 99 83063 433 596 688 766 98 867 942 84090 179 296 553 648 82 714 20 928 94 85065 472 625 763 856 61 86109 64 311 16 86 470 71 505 654 740 896 930 81 87000 65 106 88 90 257 68 341 82 454 580 94 96 721 993 88102 68 258 370 95 555 608 42 754 805 7 932 89092 99 239 461 83 582 647 67 780 93 946 70.

90030 119 219 436 621 27 733 835 908 91048 53 140 232 508 674 944 92088 374 403 19 24 73 621 38 53 703 34 93023 101 18 77 96 203 59 525 33 74 623 720 842 57 68 94616 834 95079 182 225 87 94 472 674 77 757 96145 429 588 835 97194 322 37 538 690 724 961 98075 272 427 504 16 606 23 99189 99 540 73 92 681 722 882 900.

100116 52 202 60 93 303 521 31 851 939 101027 154 250 357 58 403 532 791 833 42 102035 62 306 498 519 40 671 731 998 103278 95 598 656 829 104341 68 76 402 592 616 769 921 105135 81 265 325 702 106001 316 535 38 769 107181 223 95 479 542 641 797 853 108008 238 70 359 448 72 546 820 76 109117 75 740 813 34.

110045 106 286 91 477 546 645 746 954 60 111055 276 457 583 708 112020 92 368 445 84 518 94 644 58 730 65 77 918 31 113016 44 285 320 541 720 92 860 72 939 114245 52 624 94 750 96 97 837 115128 400 40 68 542 84 671 828 99 116002 28 601 861 97 117117 161 739 924 118101 27 307 463 633 704 74 119354 409 541 698 814.

120096 276 378 85 402 48 948 121042 45 118 288 590 91 657 77 752 907 59 93 122144 351 591 675 704 38 68 843 941 123054 56 136 67 208 20 32 44 57 356 584 619 84 731 802 912 21 82 124217 83 85 418 563 610 83 85 760 828 927 125051 140 222 83 757 868 126244 498 624 775 845 980 97 127197 541 62 640 46 747 877 128200 40 65 330 81 437 68 657 758 129012 97 126 81 201 355 87 626 798.

130306 22 536 678 725 72 942 131020 113 38 54 79 570 132153 338 83 92 520 37 732 45 870 73 912 133013 113 277 408 552 80 621 42 739 43 837 93 935 134278 384 470 578 853 77 920 40 135067 304 578 90 699 740 878 903 136027 135 387 427 667 852 926 75 137075 231 348 80 84 584 763 911 99 138503 93 613 139086 189 92 211 447 700 932.

140059 197 394 495 758 812 965 71 141240 303 532 66 854 142026 221 59 458 95 593 608 801 42 75 964 143097 182 213 78 555 65 602 755 72 817 24 144070 86 99 228 98 694 708 66 95 876 922 23 86 145236 6 1515 61 653 763 99 889 91 146000 215 35 317 449 755 147077 340 548 806 75 918 148041 152 549 742 933 149302 33 54 451 532 846 65 958.

150042 394 516 24 26 651 63 749 65 82 98 944 91 151020 366 407 527 61 790 811 921 152192 224 339 66 662 827 939 153105 12 305 37 724 94 154152 457 590 681 895 954 155000 151 210 48 323 77 88 414 53 654 759 156015 24 139 41 379 446 581 95 716 73 80 891 903 38 157061 193 295 504 627 713 80 84 967 158125 213 72 335 47 402 76 798 827 89 159018 82 333 474 523 644 963 88.

160052 101 43 290 331 36 62 79 495 161219 74 310 17 447 503 22 27 92 710 804 49 86 162028 48 121 43 239 72 408 507 37 80 649 163036 301 84 432 51 635 65 733 36 62 164067 88 123 42 243 387 427 28 551 165010 82 114 218 38 318 655 820 938 166027 321 401 79 600 753 69 167173 330 50 66 681 722 30 76 831 998 168032 174 75 249 319 431 520 52 60 684 809 169021 44 54 169 237 332 46 481 515 41 55 80 799 988.

170078 143 227 313 94 410 557 49 623 910 171034 160 222 47 70 395 480 97 558 59 69 797 855 932 92 172053 105 475 95 552 609 713 173047 130 96 239 330 74 469 522 667 705 36 68 83 89 174040 84 146 208 305 446 561 970 76 175047 53 54 127 67 240 336 92 656 853 84 997 176151 514 50 788 944 177017 49 113 87 248 463 74 90 660 754 932 33 35 84 178164 75 293 345 464 545 64 68 618 86 873 179016 264 370 426 80 84 527 59 87 726 63 82 972 84 99.

180271 90 407 48 52 680 85 777 928 98 181011 328 461 638 57 744 944 182242 463 71 541 938 183128 50 206 347 73 86 420 90 521 695 766 81 906 89 184073 201 347 443 580 94 95 644 61 702 803 968 185249 538 610 82 823 937 186030 375 415 40 584 625 715 807 187012 151 329 72 438 550 83 614 811 13 34 188048 144 201 2 351 612 51 743 189428 65 650 77.

190154 99 334 67 892 968 191185 291 421 53 507 64 93 619 751 870 927 42 43 192088 126 374 400 59 603 8 744 193036 94 103 31 36 60 208 74 439 624 90 98 735 45 70 194096 108 97 234 358 68 89 498 626 707 853 78 195026 131 206 357 404 74 709 881 917 196132 35 242 349 493 505 601 39 48 908 71 197118 374 428 63 66 85 679 95 922 46 198121 31 232 499 664 715 16 844 975 199192 209 37 92 327 94 426 77 98 642 714 920.

200019 84 230 84 387 449 539 802 17 54 919 23 201061 95 123 234 36 69 327 44 720 833 961 202055 91 94 141 256 308 23 432 67 69 609 729 853 203006 78 202 54 382 204028 33 68 113 48 200 23 350 66 97 509 12 61 688 743 964 205002 132 94 258 99 338 45 67 467 72 500 28 633 742 801 941 69 206029 93 103 20 92 99 311 401 62 503 44 64 668 81 701 42 906 207082 124 252 620 80 748 54 853 995 208022 48 84 91 195 423 80 641 79 748 77 209329 495 551 89 644 709 75 862 968.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פרייטאג 14 אויגוסט

זון-אויפגאנג 4.17
זון-אונטערגאנג 7.02

ליכט-צינדען: 6.49

א אלול תרצ"א

טראַגישער טויט פון א לאָדזער יוד
פאלט ארונטער אונטער א שנעל=צוג און ווערט צושניטען אויף שטיקער

נעכטען 8 אַ זייגער אינדערפריה האָט נעבען דער באַהן־סטאַציע אין אַנדזשעיעוו פּאַסירט אַ שוידער־ליכער פּאַרפאַל, בעת וועלכען ס'איז אומ־געקומען דער 52־יעהריגער יוד שלמה ווינטער.

ווינטער איז אַ לאָדזער יוד און האָט זומער־צייט געהאַלטען 2 געוועלבלעך אויף די זומער־וואוי־נונגען אַרום אַנדזשעיעוו; איינס אין „קאָופּמאַנובקע" און איינס אין בעדאַן. ווינטער האָט זעהר שווער געאַרבייט און געמוזט פערוועהען ביידע געוועלבלעך, וועלכע זענען אָפּגעטיילט פון זיך אויף אַ שטח פון 4 קילאָמעטער. נעכטען אינדערפריה איז ווינטער געגאַנגען פון זיין געוועלב אין „קאָופּמאַנובקע", כדי צו קומען קיין בעדאַן, צו דעם צוועק מוז מען אַר־ריבערגעהן דעם „שלאַבאַן", וואָס געפינט זיך נעבען דער באַהן־סטאַציע אין אַנדזשעיעוו. דער „שלאַ־באַן איז געווען פערמאַכט. ווינטער האָט נישט קו־קענדיג דערויף אָנגעהויבען אַריבערצוגעהן, נעבען דעם דאָזיגען אָרט האָט זיך פונקט געפונען אַ באַהן־בעאַמטער, וועלכער האָט געקענט דעם יוד און האָט געזאָגט:

— פּאַניע ווינטער געהט איצט נישט אַריבער, וויל דער שנעל־צוג געהט.

ווינטער האָט אָבער זעהט אויס געמיינט, אַז דאָס קומט אָן אַ געוועהנליכער צוג פון לאָדז און ער וועט זיך אָפּשטעלען אויף דער סטאַציע, אַזוי אַז ער קען דרייסט אַריבערגעהען און ער איז געגאַנ־גען.

אין דעם מאָמענט איז מיט דער גאַנצער קראַפט אָנגעקומען דער שנעל־צוג לאָדז—וואַרשא און וויי־טער איז פערשוואונדען געוואָרען אונטער די רעדער פון צוג.

דער מאַשיניסט פון צוג, וועלכער האָט שוין פריהער אָנגעהויבען איינצוהאַלטען דעם צוג, האָט איהם גלייך אָפּגעשטעלט, אָבער פון אונטער די רעדער האָט מען נאָר געקענט אַרויסנעהמען צו־שניטענע שטיקער פון דעם אומגליקליכען ווינטער.

די דאָזיגע סצענע האָט געמאַכט אַ שוידערלי־כען איינדרוק אויף דער גרויסער צאָהל לעטניקעס, וועלכע האָבען געוואַרט אויף דעם צוג קיין לאָדז

מ'האָט גלייך אַלאַרמירט די „חסד־של־אמת" אין לאָדז, וועלכע פערנעהמט זיך מיט אַדורכפיהרען די פאָרמאַליטעטען, כדי איינצואָרדענען די לויה

געגאַנגען נאָר „ירושה"
און וועלען ביידע מוזען בעצאָהלען „כבורה=געלד"

(2) נחום גאָלדמאַן (פון אַלעקסאַנדריסקע 18) און מאָריץ פרענקעל (ניי־זאַרזשעווסקא 28) זענען נעכטען ביידע געפאָהרען מיט דער באַהן פון קאַנסק קיין קאָלושקי.

דאַרף זיך טרעפען אַ מעשה, אַז אויף דער פּאַדלאָגע אין וואַגאָן האָבען זיי געפונען אַ רינגעל מיט אַ גרויסער בריליאַנט.

האָט זיך צווישען זיי אָנגעהויבען אַ דינגעניש, פאַר וויפיל זיי זאָלען דעם רינג פערקויפען, ווי זיי וואָלען צווישען זיך דאָס געלד צוטיילען, און ווער עס דאַרף איהם צו האַלטען ביי זיך ביז'ן פער־קויפען...

מען האָט זיך אַזוי לאַנג געאַמפּער'ט וועגען די דאָזיגע „פּרינציפּיאַלע און פּרינציפּיעלע פּראַגען", ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין קאָלושקי.

דאָרט האָט איינער אַ זייטיגער פּאַסאַזשיר, סאָלאָמאָן זענדלער, גערופען פּאָליציי, מ'זאָל פער־נאַנדער־נעהמען די צוויי „געווינערינס" פון מער־ליכען געשלעכט...

האָט מען אַזוי יטאַקע געטון: קודם — צוגער־נומען דעם רינג, וועלכער וועט אָפּגעגעבען ווער'ן דעמיעניגען, וואָס האָט איהם פערלוירען...

און נחום'ען מיט מאָריצען האָט מען צוגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל פאַר שטערען די עפענטליכע רוה.

אַ שענער'ע מעשה וואָלט עס נאָך געווען, ווען עס וואָלט זיך אַרויס, אַז דער בריליאַנט איז — אַ גלעזעל.

וויכטיגע געשעהעניש
אין דער געשיכטע פון פּוילישען האַנדווערקערטום

(2) זייט עטליכע חדשים זענען געמאַכט געוואָ־רען בעמיהונגען צו בילדען אַ פערבאַנד פון האַנד־ווערקער־קאַמערן. לאָדז האָט אין דער היגזיכט גענומען אַנ'אַקטיווען אנטייל, און אין צוזאַמענהאַנג מיט די בעמיהונגען איז אויפ'ן 10. ה. ח. צוזאַמענגע־רופען געוואָרען אין וואַרשא אַ דעלעגאַטען־צוזאַ־מענפאָהר פון האַנדווערקער־קאַמערן.

דער־ביי האָבען די לאָדזער האַנדווערקער־קאַ־מער רעפּרעזענטירט די ה"ה זאַרזשיצקי, ראַטגעבער שוואַרצבערג, און אַלס פערטרעטער פון סעקרעטאַר פון דער לאָדזער קאַמער, מאַגיסטער קאַצענבאָגען.

אין דער פערזאַמלונג האָבען אַנטיילגענומען פאָרשטעהער פון האַנדעלס־ און אינדוסטריע־מי־ניסטעריום און אַ רייה פאָרשטעהער פון פּראָפעסיאָ־נעלע און געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, ווירט־שאַפטליכע ספּעצ'ן א. אַ. וו.

נאָך דעם קאָנסטיטואירען דאָס פּרעזידיום, איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצונעהמען דעם רעגולאַמין פונ'ם ראַט פון האַנדווערקער־קאַמערן אין פּוילען.

דער־נאָך זענען, אין שייכות מיט דעם אָנגענו־מענעם בעשלוס, אַרויסגעשיקט געוואָרען פּערעה־רונגס־דעפּעשען צום מלוכה־פּרעזידענט, צום מאַר־שאַל פּילסודסקי, צום פּרעמיער פּריסטאַר, און צום מיניסטער פאַר האַנדעל־ און אינדוסטריע.

מיט'ן בילדען דעם ראַט איז געשאַפען געוואָ־רען אַ פעסטער פונדאַמענט פאַר'ן בויען אַנ'איינ־הייטליכען אָרגאַניזאַציע־סיסטעם פאַר דעם פּוילי־שען האַנדווערקערטום.

גנבות ביי טראַמוואַיען

(2) בעת בראָניסלאַוו דאַנאַט (פון לימאַנאָוו־סקיעגא 67) האָט זיך געהאַלטען ביים אַריינזעצען אין טראַמוואַי אויף רוג פּאָדזשעטשניא און זגער־זשער — האָט אַ יונגערמאַן אַרויסגעכאַפּט ביי איהם אַ פּעקעל סחורה און איז ענטלאָפען.

מ'האָט דעם כאַפּער נישט געכאַפּט.

* * *

ביי גוסטאַוו סאָוב'ן פון זגערזש האָט מען אין טראַמוואַי־וואַרטע־צימער, אויף באַלוטער מאַרק אַ־רויסגע־גנב'עט אַ גאָלדען זייגער און אַ פּאָרטפעל מיט מזומן־געלד און וועקסלען.

דער היזק אין אַלגעמיין בעטרעפט טויזענד דרייהונדערט זלאָטיס.

א גנבה

(2) נעכטען ביינאַכט האָבען זיך אַריינגעקריגען אין דער וואוינונג פון ראַטמאַן שמואל מילמאַן (אַל. 1־ מאַי 1) גנבים, און בעת זיי האָבען געהאַלטען אין „אויסרוימען" די וואוינונג, האָט מען זיי גע־שטער'ט.

איינער איז ענטלאָפען, און דעם צווייטען האָט מען געפּאַקט.

ער הייסט יונה גאָלדשטיין פון פּעטריקאָוו.

פון דער „בית־יעקב"־שולע

די פערוואַלטונג פון „בית יעקב" האָט אַרויסגע־געבען אַ קאָמוניקאַט וועגען די פּלענער, וואָס זי נעמט אונטער צום נייעם לערן־יאָהר. קודם כל, עס איז אַנגאַזשיר'ט געוואָרען אויפ'ן נייעם לערן־יאָהר ד"ר ה' בטע בערלינער פון וואַרשא אַלס די־רעקטאָר פון „בית יעקב". אויסער דעם ווערט אויך אוועקגעשטעלט אַ שטענדיגער אינספּעקטאָרען־ראַט, וואָס וועט בעשטעהען פון די ה"ה: ד"ר ש. דייטש־לענדער דער דירעקטאָר פון דער אלוועלטליכער קרן־התורה־צענטראַלע) פּראָפ. ד"ר שלמה בירנ־בוים און הרה"ג שמואל דוד לאַסקי (סאָמפּאָלנער רב). אויסער ד יפרעבעל־שולע, די פּאַרמיטאָג־ און נאָכמיטאָג־שולען און ד יאָוועגד־קורסען ווערט צום נייעם לערן־יאָהר אויך געעפענט אַ העכערער לערן־אַנשטאַלט פאַר יודישע און וועלטליכע לימודים, פאַר די קינדער, וואָס האָבען שוין געענדיגט די זיבען־קלאַסיגע פאָלקס־שול פון „בית יעקב". עס ווערען אויך געעפענט האַנדעלס־קורסען מיט אַ פול לערן־פּראָגראַם פון אַ האַנדעלס־שולע.

בכלל ווערט געפיהרט אַנ'אינטענסיווע טעטיג־קייט אוועקצושטעלען צום נייעם לערן־יאָהר דאָס בית־יעקב־ווערק אין לאָדז אויף אַ הויכער מדרגה.

„בית יעקב" איז די איינציגע רעליגיעזע טאָכטער־שול וואָס שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון דער אַגודה.

טרינקט נור דעם געזונדען
אקאַטשימער פּאָרטער

פון רעדאַקציע

קאָלעגע י. אָבערזשאַנעק, דער פּאָפּולערער און בעליבטער פעליעטאָניסט איז אַריינגעטראָטען אַלס מיטגליד אין אונזער רעדאַקציע.

דעלעגאַציע פון שטאָטישע אנגעשטעלטע ביי'ם פּרעז. זשעמיענצקי

(2) נעכטען האָט זיך צום פּרעזידענט זשעמיענ־צקי געווענדעט אַ דעלעגאַציע פון פאָרשטעהער פון קאָמונאַלע אָנגעשטעלטע און פון אינסטיטוציעס פאַר עפענטליכען געברויך.

די דעלעגאַציע האָט איבער־געגעבען אַ רייה פאָס טולאַטען, אין שייכות מיט די רעדוקציעס, מאַטער־יעלע און פּערזאָנאַלע.

פּרעז. זשעמיענצקי האָט צוגעזאָגט די אַלע ענינים פּאָזיטיוו צו ערלעדיגען.

אפּטייקען
היינטיגע נאַכט=דיזשורען

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירען: ק. לייבוועבער (פרייהייטס־פּלאַץ 2), י. האַרטמאַן (מליבאַרסקא 1), ה. דאַנילעצקי (פּעטריקאָווער 127), א. פּערעלמאַן (ציגעל־גאַס 32), י. צימער (וואָולטשאַנסקא 37), פּ. וואָיטשיצקי (גאַפּיוד־קאָווסקיעגא 27).

פּאָליטישע פּראָצעסען

(2) נעכטען זענען דורכ'ן קרייז־געריכט פער־משפט געוואָרען, אַלס בעשולדיגטע אין קאָמוניזם: צעלא וואַזשיוואָדא (19 יאָהר אַלט) און סאַלאַ ווזשאָנסקאַ (31 יאָהר) — ביידע צו אַ יאָהר פעסטונג.

דער 22־יאָהריגער סטאַניסלאַוו יאַשיעטשעק — אויף אַ יאָהר טורמע.

לעצטע פאָרשטעלונגען
200.000 פון
ביי דער „ווילנער טרופּע"

בזשעזשינער פּאָוויאַט זאָל ליקווידירט ווערען

(א) אין שייכות מיט דער ליקווידאַציע פון 40 פּאָוויאַטאָווע סטאַראָסטוועס אין לאַנד, האַלט עס אויך דערביי, אַז די קרייז־סטאַראָסטווע פון בזשע־זשין זאָל ליקווידירט ווערען, און אַז איינציגע גמינעס זאָלען צוגעטיילט ווערען צו לאָדזער פּאָוויאַט, און די איבריגע טיילען — צו פּעטריקאָווער, סקערניע־וויצער און וואַרשאָווער.

די בזשעזשינער איינוואוינער האָבען דעריבער בעשלאָסען זיך צו ווענדען צו דער צענטראַל־מאַכט מיט אַ מעמאָריאַל, וועגען איבערלאָזען אין בזשע־זשין אַ סטאַראָסטען־אַמט.

הינדעלע דער רויב=פויגעל
טראַגישע געשיכטע פון א פערוואהרלאָזטען יודישען יונגערמאַן

(2) מיט 2 יאָהר צוריק איז צו חיים גלעזערן, וועלכער האָט דאַן געוואוינט אין זגערזש, געקו־מען זיין שוועסטער מיט איהר 19־יעהריגער טאָכ־טער הינדע.

גרעזער איז דאַן אַלט געווען 34 יאָהר.

די שוועסטער האָט געוואוינט ביי איהם, און ס'איז אַזוי געשעהן, אַז ער האָט זיך פערליבט אין זיין פּלימעניצע.

וויל אומבעשטימט זענע וואָך די דרכים פון גאָט און די וועגען פון דער ליבע....

גלעזער איז אין יענער צייט געווען אָנגע־שטעלט אַלס לייטער אין דער פירמע „קופּפער און הערשקאָוויטש". ער האָט פערדינט נישט שלעכט, און זיין כוונה איז געווען חתונה צו האָבען מיט זיין שוועסטערן־טאָכטער כדת יכדין.

יענע איז אויך מסכים געווען צו ווערען גלע־זערס ווייב, און זי האָט נאָר געשטעלט אייניגע בעדינגונגען (אַזעלכע מיני תנאים פון כלה'ס צד).

קודם־כל — האָט זי ערקלערט — וויל זי אַר־בייטען אין דעם פּאַסטער־אינסטיטוט, וואו עס גע־פינט זיך איהר ברודער, און וואו זי איז אויך אַנגאַ־זשירט געוואָרען אונטער איהר מיידעלשען נאָמען.

זי האָט שוין — האָט זי פערזיכערט — אַלע נויטיגע דאָקומענטען דערצו, אָבער זי האָט קיין געלד נישט, מיט וואָס אַרויסצופאָהרען.

דעריבער האָט זי געפאָדערט, אַז עס זאָל גע־שטעלט ווערען אַ שטילע חופה, אָהן עדות, כדי זי זאָל קענען אַרויספאָהרען אויפ'ן יסוד פון די מיי־דעלישע דאָקומענטען.

ווייטער האָט הינדעלע געמאַכט דעם תנאי, אַז חיים'ס ווייב אויף צוג'אמת וועט זי זיין ערשט אין פראַנקרייך. (משמעות, זי האָט פון דער ליבע אין

פראַנקרייך געהאַלטען מעהר, ווי פון דער ליבע אין זגערזש!) און וואו גלעזער האָט געדאַרפט קו־מען נאָך דעם, ווי ער וועט ליקווידירען זיינע גע־שעפטען.

גלעזער — אַ גוטמוטיגער, אָרענטליכער יונגער־מאַן — האָט איינגעשטימט אויף די אַלע בעדינ־גונגען, און הינדעלע האָט איהם אַזוי פערפלאָנ־טער'ט, אַז נאָכ'ן שטעלען די שטילע חופה, האָט ער איהר געקויפט דעם גאַנצען אויסשטייער, פוטערס אַנטיקען א. אז. וו.

דאָס גאַנצע ביסעל געלד, וואָס ער האָט פער־מאָגט האָט ער אויף איהר אויסגעגעבען, און דער־ביי אַפילו אָנגעבאָרגט זיך אַ מטמון מיט געלד.

די פּאָליציי־מאַכט האָט אָבער, אויפ'ן גרונד פון דעם ראַבינאַט־שיין פערעגיסטרירט די שטילע חופה אין ציוויל־שטאַנד־אַמט ביים לאָדזער מאַגי־סטראַט, און דעריבער האָט מען הינדלען נישט גע־וואָלט אַרויסגעבען קיין אויסלענדישען פּאַס אויף איהר מיידלישען נאָמען.

דער מאַן איהרער האָט זיך אָבער געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט פאַר זיין אויג אין קאָפּ, פאַר זיין יונג הינדעלע — גאַרנישט פאַר איהר איז איהם טייער געווען! — און לסוף איז איהם געלונגען צו בעקומען אַזאַ פּאַס, ווי זי האָט געוואָלט.

ער האָט ווידער געבאָרגט געלד, כדי הינדעלע זאָל זיך נישט דאַרפען אין וועג אָפּזאָגען פון עפּעס, און אַז זי זאָל נישט זיין פערענגט אין פּאַריז.

אַזוי־ווי — האָט זי פערזיכערט — איג'ם פּאַס־טער־אינסטיטוט איז זי בעוואָרענט מיט אַ גוטער גאַזשע, וועט זי איהם אין פערלויף פון 2 חדשים צוריקשיקען דאָס גאַנצע געלד, און ער וועט קאָנען צוריקגעבען דאָס, וואָס ער האָט אָנגעבאָרגט.

הכלל, הינדעלע איז מיט מזל אַוועקגעפאָהרען — מיט אַ יאָהר צוריק אומגעפעהר.

מילא, די ערשטע פּאָר וואָכען האָט זי נאָך געשריבען צו איהר מאַן — געשריבען וועגען אַל־געמיינע זאַכען, וועגען דאָס און יענץ, בוידעם, קאָזע, ציבעלע יכדומה — אָבער גאָר שנעל האָט זיך איהר אויסגעלאָזט דער טאַלענט צו שרייבען בריף, און — סטאָפּ: די פּאַפּירען פערבינדונג צווישען מאַן און ווייב האָט זיך אינגאַנצען איבער־געריסען.

חיים האָט אַפילו ווייטער געשריבען, געבעטען זיך רחמים, געוויינט אין די בריף, אָבער — אין קול ואין עונה...

אַז עס האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזען, אַז לא דיבים ולא יער — נישט הינדעלע און נישט איהר ברודער האָבען גאָר קיינמאָל נישט געשמעקט דעם פּאַסטער־אינסטיטוט.

ביני לביני האָט די שוועסטער חיים'ס חתונה געהאַט צום צווייטען מאָל, און איז אַוועקגעפאָהרען ערגיץ קיין וואָלין; ביני לביני האָבען די בעלי־חובות אויספערקויפט איהם אַלץ פון שטוב אַרויס, מען האָט איהם בדיל הדל געמאַכט; ביני לביני האָט מען איהם אָפּגעזאָגט פונ'ם פּאָסטען, און אַ צובראָכענער, אַ פערצווייפעלטער איז ער געקומען קיין לאָדז זוכע וואַרבייט...

ס'איז אָבער אַ לייכטע זאַך צו זאָגען: „זוכען איצט אַרבייט אין לאָדז" —

דער סוף איז געווען, אַז חיים גלעזער האָט זיך נעכטען געס'סמ'ט אויף בזשעזשינער גאַס און אין אַ זעהר שווערען צושטאַנד האָט מען איהם אָפּגע־פיהרט אין ראַדאָגאָשטשער שפּיטאַל.

——=):O:(=——

יודיש טעאטער
אין „פילהארמאניע"
20 נארוטאוויטשא 20
דירעקציע:
ד. צעלמייסטער און מ. בעזמאן
אדמ דיר. יאן וויינבערג

—●לעצטע 3 טעג!●—
נישט אפצורופען!

היינט, פרייטאג, 9.30 אוו.
צום לעצטען מאל!

אויפן וועג צו בוענאס איירעס
(אונטער דעם רויטן לאמטערן)
אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ

מארגען, שבת 4 בייטאג
צום לעצטען מאל פון 50 גר.

דער צעבלינדער פאלאץ
אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ

לעזט!!! = לעזט!!!
אלץ וואס וועט פארקומען זונטאג
דעם 16-טען אויגוסט צו דער
גראנדיעזער און יום-טוב'דיגער
געזעגנונגס-פארשטעלונג
קאנט איהר לייענען היינט און מארגען
אין די אפישען און זונטאג אין „פאלקסבלאט"

זישע קאץ

דינה האלפעריון

יצחק נאזשיק

מאקס באזשיק

חנה פערבער

דוד לואי

בעלא באזשיק

שמחה ראזען

ליזע שלאסבערג

רות רענינע

מ. פישמאן

ב. שווארצנשטיין

שבת 9 אווענד — 2 גרויסע פארשטעלונגען 2 — שבת 9 אווענד
צום לעצטען מאל דער גרויסער שלאגער פון ווארשא און לאדז
„פון ווייטען סיביר"
(סאניע די אנארכיסטקע)
אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ
בעארבייט פון י. באזשיק.
א נייע, נאך נישט געוועזענע אריגינעלע רעוויע
„פאריז געזעגנט זיך"!
זישע קאץ און דינה האלפעריון
„צירעלע מי-עלע" א יודיש בילדעל מיט געזאנג
יצחק נאזשיק און דינה האלפעריון
„איהר הארץ האט געפלאצט"
מאקס באזשיק
„איך האלט יא דערפון"
מרדכי הילסבערג
„ראכמעסטריוזקע"
ליזע שלאסבערג
„מיין מאמע'ס שטעטעלע"

גרויסער כאר און ארקעסטער — ל. זעלמאן.
בילעטען אויף פרייטאג, שבת און זונטאג שוין צו בעקומען.

פלוצים געשטארבען א יוד

(2) אין זיין אייגענער וואוינונג אויף פעטריקאווער 175, איז פלוצים געשטארבען, באדענדיג זיך אין זיין וואנע, ישראל מרדכי בויאנער.

דער דאקטאר האט פעסטגעשטעלט, אז מיט איהם האט פאסירט אן אפאפלעקסישער אנפאל.

אין „מרכז עברי"

עס ווילט איצט אין אונזער שטאט א חשובער גאסט פון ארץ ישראל, מיטגליד פון ארבייטער ספארט-קלוב „הפועל" און אייגער פון די פעהיגסטע ארטיסטען פון דראמאטישען טעאטער „אהל" אין תל-אביב — ה' בן-חנוך.

שבת 8 אווענד וועט דער גאסט האלטען א רעפעראט אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

פון דער „ווילנער טרופע"

עס גייט שלום עליכם'ס „200.000"

היינט און מארגען ווערט געשפילט די שלאגער-געזאנגס-קאמעדיע פון שלום עליכם „200,000" (לויט'ן „גרויסען געווינס") אין דער אויסגעצייכענטער אינסצענירונג און רעזשי פון יעקב ראטבוים.

Grand-Kino
היינט די לאנג-ערווארטעטע פרעמיערע!
פילם-פראד. Metro-Goldwyn Mayer א. ג.
„דער אראבער"
לויט דער ערצעהלונג פון Edgar Selwyn
רעזשי: Rex Ingram
אין דער הויפט-ראלע: דער קעניג פון דעם עקראן, דער אבגאט פון די פרויען, — דער שעהנסטער אמאנט
RAMON NOVARRO און אויך די רייצענדע ALICE TERRY
אויסער'ן פראגראם: הומאר, געלעכטער. פארס פון פארטיערען פון האטעל „אטלאנטיק".— אין די הויפט-ראלען: LAUREL i HARDY
אויסערדעם: קלאנג-וואכען-זשורנאל № 25, ווי אויך לאנד-אקטואליטעטען.
אנהויב 6 נאכמ., שבת און זונטאג — 12 בײטאג.
די פרײזען פון די פלעצער אויף די פרי-המארגען-פארשטעלונגען 75 גר. און 1 זל.
דער זאל איז מאדערן ווענטילירט און געקיהלט.

פון האנדעלס-געריכט

אויף דער עהרענטשיגער זיצונג האט דאס געריכט באקגעגעבען די ביטע פון דער פירמע „ה. ל. גרינשפאן" (הורט-פערקויף פון קוך-געשיר) פאר מארסקא 18, וועגען ווייטער פראלאנגירען די צאהלונגען פון 12. אויגוסט אן.

* * *

עס איז אויך אפגעשאפט געווארען דער נאדזור איבער דער פאפיר-פירמע „שאפירא", פעטריקאווער 37.

א מאדנע גנבה

וואס פאדערט א שטיקעל אויפקלעהרונג

(א) רבקה קאגאן, איינהאבערין פון אן'אפטייק-סקלאד אויף 11. ליסטאפאד-גאס 30 האט נעכטען געמאלדען אין דער פאליציי, אז מ'האט אויפגעבראכען די שלעסער אין איהר געוועלב און ארויסגעגנבעט סחורות אויף אנ'ערך 6000 זל.

די תיכף אדורכגעפיהרטע אויספארשונג האט אבער ארויסגעוויזען, אז גנבים זענען דא גאט די נשמה שולדיג, זיי זענען אין דעם פאל נישט עובר געווען אויפ'ן „לא תגנוב", און מחמת ס'איז ענטשטאנען א חשד, אז געכאפט אין דער מעשה איז די קאגאן אליין, ווייל זי קומט אין דער שטאט געלד — האט מען זי קודם כל פערהאלטען אין דער פאליציי.

פערהאלטען 2 פערזאן

וואס זענען פערדעכטיג אין ערמארדען מאקאווסקי'ן

(2) ווי מיר האבען נעכטען געמאלדען, איז אין דארף פאדקלשטארבע-לאגעווניק ערמארדעט געווארען דער פויער פיאטר מאקאווסקי, און פערוואונדעט געווארען זיין זוהן, באלעסלאוו.

ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געווארען, האבען דעם אנפאל געמאכט 4 פערזאן אין מאסקעס.

די ערשטע אויספארשונגען האבען נאך דערווייל נישט געגעבען קיין פאזיטיווע רעזולטאטען.

בעת דער פאליציי-אבלאווע זענען פערהאלטען געווארען 2 פערזאן אין די לאגעוויקער וועלדער. מחמת דער אויספארשונג קאנען נאך זייערע נעמען נישט געבראכט ווערען אין דער עפענטליכקייט. עס קען געמאלט זיין, אז די דאזיגע 2 פערשוין זענען געוועהנליכע דוהיגע „בראדיאגעס", און זיי האבען מיט'ן בלוטיגען אנפאל קיין שום שייכות נישט.

Prywatne POGOTOWIE LEKARSKIE
ZIELONA 6,
Telefon 12-333
tel. 12-333
tel. 12-333
ערטיילט דרינגענדע ערצטליכע הילף אין אלע פלוצימדיגע פארפאלען צו יעדער צייט בייטאג און ביינאכט ווי אויך אין אלע אקושעריע און גינעקאלאגישע הילף.

מעבעל-פאבריק פון
L. Salomonowicz
Łódź, Piłsudskiego 66,
tel. 134-25
עמפפיהלט זיינע בעקאנטע
לוקסוס-מעבעל
אין גרויסען אויסוואהל
נייעסטע פאסאנען
פון פערש. עדעל-האלץ.
בעמערקונג:
פון 1-טען אויגוסט ה. י. זענען די פרייזען בעדייטענד רעדוצירט.

רינג-קאמפען אין ציוק

אין דער ערשטער פאר קעמפען: מארטינאוו — ווילינג, אין דער 17. מינוט בעזיגט מארטינאוו ווילינגען.

אין דער צווייטער פאר קעמפען: סאן-מארס — פליקוס. סאן-מארס לייגט אוועק פליקוסן אין דער 8. מינוט אויף די לאפאטקעס.

דער קאמף יאגא—שטעקער ענדיגט זיך מיט'ן זיג פון שטעקערן אין דער 26. מינוט.

אין קאמף פאשאוו—פינעצקי קומען פאר א רייהע פערכאפענדע מאמענטען. אין דער 35. מינוט זיגט פינעצקי דורך א בעלסאן.

היינט קעמפען: יאגא—פאשאף, שטעקער — פינעצקי, סאן-מארס — ווילינג

לעצטע געזעגענונגס פאר־שטעלונגען

פון די ווארשעווער סטאר ארטיסטען אין פילהארמאניע

די ווארשאווער סטאר ארטיסטען, וועלכע האבען זיך קובה שם געווען און בעליבט געמאכט ביים לאדזער טעאטער־עולם געבען שוין היינטיגען פרייטאג, שבת און זונטאג די לעצטע דריי פאר־שטעלונגען, צום געזעגענען זיך מיט'ן לאדזער טעאטער־עולם געבען די ארטיסטען דאס בעסטע און שענסטע פון זייער רעפערטואר.

פון פאלקס-טעאטער

אין פאלקס־טעאטער, זגערזשער 15, ווערט היינט פרייטאג געשפילט מאטקע גנב פון שלום אש.

מארגען שבת ביינאכט — שרה שיינדעל פון יעהופעץ, אין אווענד — פרעמיערע: לעבעדיגע יתומים: מיט די גאסטראלערין פרוי זאטלאוווסקא און ה' געטליכערמאן אין די הויפט ראלען.

עס בעטייליגען זיך אויך די בעליבטע ארטיסטען פון פאלקס־טעאטער אנסאמבל.

ראדיא־פראגראם

פרייטאג ד. 14. אויגוסט.

12.00 צייט סיגנאל, 1.15 גראממאפאן־מוזיק. 4.10 ראדיא־ווינקעל. 4.30 גראממאפאן־מוזיק. 4.45 ארטיסטיש ווינקעל. 4.50 קאמוניקאטען פאר פישער און שיפער. 5.10 ליטעראַרישע שמועסען אין פראנצויזיש. 5.35 גראממאפאן־מוזיק. 6.00 פארלעזונג. 7.00 קאנצערט. 7.20 פערשידענעס. 7.40 גראממאפאן־מוזיק. 8.00 קאמוניקאט פאר לאדזער האנדעלס־קאמער. 8.15 ראדיא־כראניק. 10.00 קאנצערט. 10.15 פעליעטאן. 10.30 קאמוניקאטען. 12.00 לייכטע און טאנץ־מוזיק.

שבת דעם 15. אויגוסט.

11.45 גאטעסדינסט. 12.10 צייטסיגנאל. 1.15 גראמאפאן־מוזיק. 1.20 מעטעאראלאגישער קאמוניקאט. 1.40 מוזיק, 2.00 געשפרעכען. 2.10 מוזיק. 2.25 פארלעזונג. 3.00 קאנצערט. 4.40 מוזיק. 5.10 פראגראם פאר קינדער. 5.35 גראמאפאן־מוזיק. 5.40 קאמוניקאט. 7.00 קאנצערט, 7.20 פערשידענעס. 7.40 גראמאפאן־מוזיק. 7.55 פאסט־קעסטעל. 8.00 מעטעאראלאגישער קאמוניקאט. 8.15 ידיעות 10.00 קאנצערט. 10.30 קאמוניקאטען. 11.00 קאנצערט. 12.00 לייכטע און טאנץ־מוזיק.

מעלדונגען

מ„המרכז העברי" ע"ש הר"ר י. ב. שמחוני, בלודז.

יעד „המרכז העברי" מודיע, כי: 1. ביום השבת 15[8 ב7,45 בערב תתקיים באולם ההסתדרות הציונית (שרודמייסקה 29) שיחות חברים בהשתתפות ה' בן־חנון (מא"י), חבר הקלוב האספורטיבי „הפועל, חבר התיאטרון הדרמתי „אהל", האורח הנכבד ירצה על הנושא: „מחיי הארץ". 2. ביום הראשון 16[8 תתקיים ב10,30 בבוקר הפלגה לבית־הבראות ע"ש הד"ר ברושביץ. 3. ביום השלישי 18[8 ב7,45 תתקיים הרצאת החבר י. פרישמאן (מירשה).

כל העבדים מוזמנים, הכניסה חנם.

עקסטרא־קופאן!

די לעזער פון אונזער צייטונג בעקומען ביי דער קאסע פון „פילהארמאניע"

א ספעציעלע הנחה

אויף אלע פלעצער אין פארטער

דער קופאן איז גילטיג

היינט פרייטאג

פון דער גמילת־חסדים־קאסע.

אונטער דעם פארזיץ פון ה' יעקב קאהן איז פארגעקומען די גרינדונגס־פערזאמלונג פון דער גמילת חסדים קאסע ביי דער בית הכנסת וואולטשאנסקא 43 אי זאייגענעם לאקאל דעם 11[8 ד. מ. אין דער אנוועזענהייט פון 144 מיטגלידער.

ה' ליב ברייטבארד אלס דער גרינדער גיט אב א בעריכט פון דער טעטיגקייט, און די פערזאמלונג גיט אב די גרינדער דעם טיפסטען דאנק פאר זייער טעטיגקייט, דאן ווערט בעעהרט דעם פערשטארבענעם גרינדער פון די שוהל, יוסף יצחק לעווענשטיין ז"ל ווי אלע שטעהען אויף פון די ערטער.

ה' אייזענבוים לעזט איבער די תקנות, און אהן דיסקוסיע ווערען די תקנות אנגענומען דאן געהט איבער די פערזאמלונג צו די וואהלען ווי זיי געבען פאלגענדען רעזולטאט.

אלס פרעזעס שמואל ציגלער, וויצע פרעזעסען יאקוב קאהן, זישע, ראדזשיעווסקי, קאסיר ליב ברייטבארד, עהרען סעקרעטאר שמואל הירש, פארשטעהער'ס צום בית הכנסת, חיים ענגעל, יאקוב קאהן הער"ש אייזען, אין די פערוואלטונג, חיים ענגעל, הער"ש אייזען, בנימן שער, יעקב ווילנער, זכריי גאלדבערג, שלום ראזשיצקי, דוד גלאווינסקי, קאנדידאטען. יוסף פערלע, אין די קאמיסיע רעוויזיע חיים יונה ווידאווסקי, מיכאל פאצאנאווסקי, מענדעל גראנעק, יצחק טענענבוים און שלמה שטילמאן.

די פערזאמלונג דריקט אויס דעם טיפסטען דאנק דעם ווירט שמואל ציגלער פאר דעם געשענק דאס דירה געלד לטובת די גמילת חסדים אין בית הכנסת.

אלע פערזאמעלטע שרייבען זיך איין אלס מיטגלידער, און עס פליסען אריין שפענדען לטובת די גמילת חסדים, און ווינשען די נייע אויסדערוועהלטע פערוואלטונג א גוטע טעטיגקייט.

קריגערייען איבער קליינגקייטען
מאכען חרוב גאנצע אראבישע דערפער

(ענדע פון דער 6־טער זייט).

האט מען גלייך אפגעזוכט און איבערגעגעבען דער פאליציי.

אין דעם דארף תורמסעיא נעבען ראמאלה האבען זיך 2 אראבער צוקריגט צוליב א הון. זיי האבען אפילו נישט קיין צייט געהאט זיך גוט דורכצוזידלען, — דערצעהלען די עדות, — האבען זיי באלד אנגעהויבען רעדען מ יטידער מעסער־שפראך. דער האט ארויסגעשלעפט א „שאבריע" און דער צווייטער — א „שאבריע". עס האט בישט געדויערט קיין פינף מינוטען, זענען ביידע געלעגען טויט. זיי קענען שטעכען, זיי ארבייטען אויס־געצייכענט מיט מעסערס. דאס דארף מען קענען: אי יענעם אוועקלייגען, אי אליין פאלען גלייכצייטיג.

א גרויסען ארט פערנעהמען אין דער קרימינעלער כראניק דא די פערברעכענס צוליב א פרוי. פערגוואלדיגען א פרוי,—דאס איז א זאך, וואס געשעהט זעהר אפט.

עס איז איינפאך א געפאהר פאר א פרוי צו געהן אליין. עס קען לייכט טרעפען, אז אן אראבער זאל זי אנגרייפען אפילו אין מיטען גאס. דאס איז בעזונדערס אזוי דארטען, וואו עס זענען קיין אראבישע קריסטען אויך נישטא. די אראבישע קריסטליכע פרויען דארפען נישט פערדעקען די געזיכטער, אבער צוליב זיכערקייט און אום נישט צו זיין אויפפאלענד, איז דאך בעסער צוצודעקען דאס געזיכט. אבער דאס איז נאר אין די ערטער, וואו עס זענען נישטא קיין אייראפייער איינגאנצען.

שכם איז דער כאויס אן־אראבישע שטאט און א פאנאטישע, ביז היינטיגען טאג איז פאר אן־אייראפייער שווער צו וואוינען אין שכם. יודען וואוינען נישט דארטען. פאר די געשעהענישען פון אויגוסט 1929, האבען אייניגע יודען געדרובט בעזעצען זיך אין שכם, זיי זענען אבער אוועק פון דארטען. בלויז די שומרונים זיצען דארט צייט הונדערטער יאהרען. זיי זענען אבער אויסערליך פונקט אזוי ווי די אראבער.

די טעג האט דאס געריכט אין שכם געהאט פאר זיך א מאדנע געשיכטע:

איינער פון די ידארטיגע אראבישע איינוואוינער, מיט'ן נאמען אחמעד סעיד, איז אנגעקלאגט געווארען פארן געריכט, אז ער האט געכאפט אין מיטען גאס א פרוי, וואס איז צופעליג געגאנגען אין וועג, און האט זי ארומגענומען און געקושט. די פרוי קען נישט דעם אראבער. איהר „פערעהרער", און האט איהם קיינמאל נישט געזעהען, זי איז א פערהייראטע פרוי און האט א מאן און קינדער. די פרוי און איהר מאן האבען איהם פערקלאגט אין געריכט. אבער דאס געריכט האט דעם אראבער בעפרייט, ווייל אין די קרימינעלע שטראף־ביכער איז נישטא קיין געזעץ, וואס בעשטראפט פאר א קוש, ווען אפילו דאס ווערט געטון אין מיטען גאס און געגען דער פרוי'ס ווילען.

אין אייניגע טעג ארום האט דער מאן פון דער בעליידיגטער פרוי אפגעהיט דעם ליבהאבער און איהם צושטאכען מיט א „שאבריע" אזוי, אז ער וועט שוין מעהר קיין חשק נישט האבען צו קושען א פרעמדע פרוי, ער איז שווער פערוואונדעט, און דער אנגפאלער איז ארעסטירט.

דער־פאר איז אבער דער געזעץ שטרענג געגען פערגוואלטיגען. אט האט טאקע היינטיגע וואך דער יפו'ער געריכט בעשטראפט איינעם פאר פערגוואלטיגען מיט צעהן יאהר שווערע געפענגעניש.

גרויס אויפרעגונג האט ארויסגערופען דער פאל פון פערגוואלטיגונג מיט א יודיש מיידעל, וואס איז געגאנגען אייגענע אליין פון איין קאלאניע אין דער צווייטער. זי האט נישט געוואוסט דעם וועג, ווען זי האט בעגעגענט אן אראבער רייטענדיג אויף אן אייזעלע, האט זי איהם געפרעגט, אין וועלכער ריכטונג זי דארף געהן, ער האט אנגעוויזען די פערקעהרטע ריכטונג, און ווען זי איז געקומען אין א פלאץ פון צאבעד, אזעלכע קאקטוס־געוויקסען, וואס דינען אלס פלויטען, איז ער אויף איהר אנגעפאלען און האט זי פערגוואלטיגט.

דאס איז געווען אין א פארנאכט. ער האט איהר פערשאטען 3 אויגען מיט זאמד. זי זאל איהם נישט קענען זעהן, אין א פער'חלש'טען צושטאנד האט ער זי איבערגעלאזט אויף דעם אומבעקאנטען וועג, ווען זי איז געקומען צו זיך, איז שוין געווען שפעט ביינאכט. קיין זוועג האט זי נישט געוואוסט, ביז עס האט זי געטראפען א צווייטער אראבער. ער האט זי אוועקגעפיהר'ט אין דער אראבישער שטעטעל ראמלע, א הונדערט מעטער פון דעם פאליציי־צידקעל האט ער זי אפגעלאזט און געזאגט, אז דא זענען פאראן יודען, ד יפאליציי האט זי גלייך אוועקגעפיהר'ט אין שפיטאל, און מען האט זיך געלאזט זוכען נאך דעם פערברעכער.

דאסמאל האט די פאליציי בעוויזען, אז זי קען אפזוכען א פערברעכער, צוויי טעג צייט האט זי געזוכט אין גאנצען געגענד דעם שפור פון פערברעכער און האט איהם געפונען. עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דאס איז א ראמלער קאמעל־טרייבער. ווען מען האט געמאכט אן אונטערזוכונג ביי איהם אין הויז, האט מען געפונען עטליכע זאכען פון דעם מיידעלס קליידער. ער איז ארעסטירט און ווארט אויף זיין משפט.

כמעט אלע אויבען־געבראכטע פאקטען זענען בעגלייט מיט בקמה־אקטען, וואס פערפלאנטערען זיך אלץ מעהר און מעהר.

י. שפיגעלמאן

קענער און פיינשמעקער

טרינקען נור דאס ערצטליך עמפפעהלטע אריגינעל

פילזנער ביר URQUELL B. B.

„Prazdrój Pilzneński" B.B.

פערטרעטונג און לאגער

OTTO WIHAN KILINSKIEGO 121

TEL. 180-33

מעבעל

שלאף־צימער, עס־צימער, קינדער־צימער, קאמפלעטע איינריכטונגען, ווי אויך איינצעלנע שטיק

אין א גרויסען אויסוואהל צו ביליגע פרייזען פון דער בעוואוסטער מעכאנישער טישלעריי

וואסכאדניא 64 שופמאן און קאמפ. וואסכאדניא 64

ווי אויך ביי עפשטיין, נארוטאוויטשא 18

געלד איז טייער

דעריבער איז פאר א גאנץ קליינע פרייז ווערט ביימיר איבערגעמאכט און איבערגעפאסאנירט מענער און דאמען היטען פון גאר אלט אויף גענצליך ביי לויט די נייעסטע פאסאנען, פינקטליכע אויספיהרונג און רעעלע בעהאנדלונג — גלייכצייטיג קאנט איהר בעקומען א גרויסען אויסוואהל אלע ארט דאמען און מענער היטען צו ביליגע פרייזען

געדענקט דעם אדרעס

י. פערדער זגערסקא 20 אדער לוטאמירסקא 2

א פאבריקס־לאקאל

פארטער מיט 6 פענסטער, געאייגענט אויף א לעגער אין צענטרום שטאט, נעבען פיעטריקאווער גאס איז צו פערמיטען.

צו ערפאהרען אין אדמיניסטראציע.

פידל און מאנדאלין־לעקציעס

נייעסטע מעטאדע ביליגע פרייזען

גלובנא 33, וו. 11. פון 5 ביז 7 נאכמיטאג

זינגער!

קנאבע מיט גוטע שטימען ווערען געזוכט אויף די ימים־נוראים אין זאל פילהארמאניע דורך דעם דיריגענט ה' מ. צעטוואן. זיך מעלדען קילינסקי גאס 1, וואונונג טעגליך פון 6 אווענד.

מעבעל

שלאף־צימער עס־צימער אויך איינצעלנע שטיק קויפט זיך אמביליגסטען און אויף די בעסטע צאלונגס־בעדינגונגען נאר ביי מ. פלאקאווישט. לאדז, פיעטרקאווער 145 (אין הויף).

וויכטיג פאר שוהלען און זעלער!

דער בעוואוסטער און בעריהמטער חזן ב. קיהן, וועלכער בעזיצט א וואונדערשעהנע טענאר־שטימע. גוטער זינגער, וואס האט געדאווענט אויף גרויסע פאסטענס פאר דער גרעסטער אינטעליגענץ מיט גרויס ערפאלג אין לאדז און אין קראקא, דאנציג, זוכט א פאסטען אויף די ימים נוראים.

קאנטאר ב. קיהן, פיעטריקאווער 22, וו. 22

אן אינטעליגענטער ארבייטער זאמער יונגערמאן בעזיצט די לאנדעס־שפראכען, בעקאנט ביז דער קאנפעקציע בראנזשע זוכט בעשעפטיגונג. דס קען אויך זיין אן אנדערע בראנזשע פאר א מעסיגן געהאלט. דעם אדרעס ביטע געפעליגסט אין אדמינ. פון „נייעם פאלקסבלאט" אונטער „מעסיגען געהאלט"

טריקא נייערינס

ווי אויך א געזעלען און א האנד־נייערין צו פארלער קענען זיך מעלדען ביי סאבאטשעווסקי זאכאדניא 31

א קיואליפיצירטע

אויספוטיגערין

צו טריקא־וועש קען זיך מעלדען ביי מ. ליכטענשטיין אלעקסאנדריסקא 14 (מרדכי גבאי'ס גאס).

נאר גוטע

סוועטער־נייערינס

קענען זיך מעלדען וואלבארסקא 21, וו. 33 ביי בארוכאוויטש

דיפלאמירטער

צושניידער

מענער־קאנפעקציע מיט 4 יאהר פראקטיק זוכט א פאסטען אויף לאדז און אויף דער פראווינץ. אפערטען אבצוגעבען אין „נייעם פאלקס־בלאט" אונטער ליטערע „G".

ס'ווערט געזוכט

אן אויספרעסער און א האנד־נייערין (מיט בעקעסטיגונג) צו ערשטער סארט מענער־מאגאזין. צו מעלדען זיך קאנסטאנטינער 58 ביי גראסמאן פון זונטאג אן.

פערלוירען געגאנגען

א חודש־טראמוויי־בילעט אויפ'ן נאמען ר. ווישליצקי, אפצוגעבען געגען בעלוינונג ביי ווישליצקי וואסכאדניא 36

אבויד

אין דאברזשיצקיס האלע ווערט געזוכט. פראינטערעסירטע קענען זיך ווענדען צו גרינשפאנהאלץ פולנאצנא 6.

א ארט צו שלאפען

פאר 2 אנשטענדיגע יונגעלייט אין א שעהן מעבלירטצימער מיט בעקוועמליכקייטען ביליג זאפארט אפצוגעבען ביי א בעסערע פאמיליע צו ערפארען ביי אויערבאך קילינסקיעגא 41

STUDENT

prawa wyższego semestru przygotowuje do gimnazjum. Udziela polskiego początkującym szybko podług najnowszych metod oraz francuskiego, Literatura, Konwersacja. Zalcman, ul Limanowskiego 24

נויטיג א קוואליפיצירטע

סוועטער־נייערין

פאר האנד און מאשין. ביי פרידמאן וואסכאדניא 43

מורה הוראה

עופות־שוחט בעל־תפילה, בעל־קורא זוכט א שטעל פאר א מעסיגען געהאלט, קאן זיין אין לאנד אדער אויסלאנד. אפערטען אבצוגעבען אין ארמינ. אונטער ליטערע „מ. ג."

עס נויטיגט זיך א קוואליפיצירטע

פערקויפערין

צו ווענדען זיך אין דער האלע נאוואמיעסקא 19 נומער 135

א קוואליפיצירטער

שניידער־ארבייטער

מענער בעשטעלט ווערט פון זאפארט געזוכט, ביי מיילעך פאמארסקא 91

איך זוך

ארויסצונעמען אויף לוין צו שמריקען אויף א 10־ער מאשין „דוביעט" מיט מוסטער־אפאראט. אפערטע אין אדמינ. פון דער צייטונג אונטער L.N.

נאר א טיכטיגע

פערקויפערין

צו דאמען־היטען ווערט געזוכט. גלובנא 2 ביי מילנער

ZAGUBIONO

Rejestracyjny numer roweru wyd. mag m. Łodzi za № 4272 na imię Joachima Sztajnberga, Łask. znalazca proszony o zwrot do Sztajnberga, ul. Rzgowska 3

א פעוזאי

וועלכער דיספאנירט מיט 3000 זל. און וויל האבען א געזיכערטען איינקויף קען זיך מעלדען צו דער דירעקציע פון פאלקס־טעאטער זגערזשער 17 טעגליך פון 8 — 10 אווענד

שטריק־מאשינען

נ' 8־ער, 9־ער און 10־ער אויף אפניץ ווערט געזוכט צו ערפארען באזארנע 7 וו. 8. פון 1 ביז 3 מיטאג

א געשיקט מעד.

צו בעדינען געסט קען זיך מעלדען אין מלעטשארניע אבערשטיין, שרודמיעסקא 3 (פריהער ציגעל־גאס 30)

שוואַם-בויפלאַטען! „TRIUMPH"

פלאַטען-גרעסע ביי בעשטעלונג לויט וואונש. שטערקע 5, 8, 10 און 12 צמ. בעזונדערס געאייגנעט צו מאכן לייכטע הויך-איזאָלירענדע מיטעל-ווענד, ווארם, נעזיכערט געגן פייער, ביליג און האַלטבאַר. אינזל. פאַבריקאַט!

צעמענט-וואַרעז! טרעפּן-שטופּען, לאַמטריקא-פּאַדלאָגעס, צעמענט-רוירען אין יעדער דימענסיאָ! שטעטס אויף לאַגער 100—200 מם.

אויספיהרונג פון יעדערערט **פלאַסטער-אַרבייטען.** ויהרט אויס זעמטליכע בוי-אַרבייטען, אלס ווי ניי, בעפּיצונגען און מצבות יעדער אַרט. — — — פּראָיעקטען און פּלענער.

„קסילאָמענט-שטיינהאָלץ"

איז און בלייבט דאס אידעאַלסטע פאָדלאָגע-בעשלאָג ביליג, היגיעניש, פייערפעסט, וואַרעם, שאַלל-דיכט, ... לאַגערן, געשעפטס און פּריוואַט-לאָקאַלן, שולן, ביוראָ'ס, קוכן, בעדער אז"וו

„BETON"

Wł. W. MATZ, ŁÓDŹ,
Srebrzyńska 6, tel. 20-550

קלאַנג-קינא-טעאַטער

LUNA

אָנהויב פון די סעאַנסען 6 א זייגער נאַכמ. שבת און זונטאָג 12 א זייגער בייטאָג.

היינט און פאָלגענדע טעג! קלאַנג-מייסטערווערק פון דער פּראָדוקציע **Universal Pictures Corporation** היינט און פאָלגענדע טעג!

„ווייסע גיישא"

פלאַמענדער אָריענטאַלער ראָמאַנס, אין וועלכען ס'ווערט פאַרגעשטעלט מיט אונגעוועהנליכען אמת און רעאַליזם דער „מזרח-מיגעל" וואו דער טויט און פערברעכען געהען האַנד ביי האַנד מיט אָפּפערונג און ליבע. — — די הויפּטראָלען קרעאירען:

IMOGENA ROBERTSON i JAMES MURRAY

פאַסציגירענדער אינהאַלט! ערטיק! עמאָציע! אויסער'ן פּראָגראַם: א קלאַנג-פאַרס „סענסאַציאָנעלער מעטש" און לאַנד-אַקטואַליטעטען. פּרייזען פון די פּלעצער צו 1 זל., 1.50 און 2 זל. שבת, זונטאָג און יום-טוב פון 12—3 נאַכמ. צו 50 גר. און 1 זל. פּרעמיע-קאַרטן צו 1 זל. גילטיג אויף אַלע פּלעצער.

WODEWIL

קלאַנג-קינא-טעאַטערס

ראָמאַנס פון א געגענוואַרטיג פּריילין

פּרעכטיגער פילם א. ב. קלאַנג-קינא-טעאַטערס

רייסט מיט די צושויער און ווארפט אין פנים אריין — די מענער דעם ביטערן אמת פון לעבען. || — אין די הויפּטראָלען: |COLLEEN MOORE i NEIL HAMILTON| אויסער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאָבע

ODEON

קינא-טעאַטער BAJKA

רוג בושעזשינער, פראַנטשישקאַנער 31 צופאַהר מיט די טראַמוואַיען 1, 6 און 14.

פּערשטאַרקטער סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער ליטונג פון ה' לידראָוער. אָנהייב 5 נאַכמ. שבת און זונטאָג 1 בייטאָג. דער זאַל איז קינסטליך געקיהלט.

היינט און פאָלגענדע טעג! מעכטיגע גרויסשטעטישע לעבענס-דראַמע א. ג. היינט און פאָלגענדע טעג!

„נשמות אהן פיהרער"

Luiza Brooks, Józef Rovensky

לויט דער בעריהמטער ערצעהלונג פון **Małgorzata Boehme** דאס טאָגבוך פון א געפאַלענער

אויסערדעם: אן אַמעריקאַנער קאָמעדיע און פילם-אַקטואַליטעטען.

קינא ERA

פרי-הער פּלאַזאַ

זאַווישאַ 22 (באַלוט)

אָנהויב 6 נאַכמ. שבת, זונטאָג און יום-טוב 2 בייטאָג. ספּעציעלע צוגעפּאַסטע מוזיק, אויסגעפיהרט דורך א פּערשטאַרקטן סימפאָנ. אָרקעסטער דער זאַל איז נייעסט מאָדערן ווענטילירט.

2 גרעסטע שלאַגערן פון איצטיגען סעזאָן!

(1 „פּערברעכער"

(2 „סטודענטקעס"

2 גרעסטע שלאַגערן פון איצטיגען סעזאָן!

— גרויסער פילם און די הויפּטראָלען: —
Henryk GEORGE
Marja PAUDLER

— גרויסע עראָטישע דראַמע און די הויפּטראָלען: —
IWAN PETROWICZ
CARMEN BONI

קינא-טעאַטער PRZEDWIOŚNIE

זשעראָמסקיעגאָ 74/76.

(רוג קאָפּערניקאַ)

צופאַהר מיט די טראַמוואַיען 5, 6, 8, 9, 10.

אָנהויב טעגליך 4 נ"מ. שבת און זונטאָג 2 בייטאָג. לעצטער סעאַנס 10 אָוו.

היינט און פאָלגענדע טעג! מעכטיגע ריהרענדע דראַמע, געשאַפען אויפ'ן גרונד פון לעבען פון א באַהן-מאַשיניסט, וועלכער איז געווען מיט דער גאַנצער נשמה איבערגעגעבען זיין געפעהרליך פאַך. אין דער הויפּטראָלע דער גרעסטער מימיק פון דער וועלט

אין פילם **Lon Chaney**

2329 לאָקאָמאָטיוו

אויסערן פּראָג. אם: פילם-אַקטואַליטעטען און פריהליכער פאַרס. די מוזיק איז גענוי צוגעפאַסט צום בילד א. דיר. פון א. טשורנאָווסקי. נעקסטער פּראָגראַם: „לעבענס-קאַפּריזען" אין דער הויפּטר. **Liana Haid** הנחה-קופּאָנען צו 75 גר. חוץ שבת און יום-טוב.

קלאַנג-קינא-טעאַטער ZACHĘTA

26 זגערזשער 26

היינט און וויי טערע טעג!
דער גרעסטער פילם פון דער וועלט

„ATLANTIC"

אין די הויפּט-ראָלען:

Madeline Carroll i John Lagden

דער פילם איז געשאַפען אויפ'ן גרונד פון אמת'ע פּאַסירונגען. די קאַטאַסטראָפע פון ים-ריז איז א גרויסע קלאַנג-פילם רעוואָלוציע און ס'איז אין איהם פּערהאַן די מורא פאַר שרעק און טויט.

נעקסטער פּראָגראַם:

דאס מעדעל פון מאָנטפּאַרנאַס

אָנהויב אין געוו. טעג 5 נאַכמ. שבת, זונטאָג 3 נאַכמיטאָג. דער זאַל ווערט מעכאַניש ווענטילירט

„Praca"

פּרויען-פאַך-קורסען

ביי דער געזעלשאַפט צו פּערשפּרייטען פאַך-קענטעניסען צווישען יודישע פרויען וואָלטשאַנסקאַ 21, טעל. 15-167.

נעהמט אן איינשרייבונגען אויף פאָלג. אָפּטיילונגען

1) דאַמען-שניידעריי,
2) האַנד-שטיקעריי,
3) הוטען-פּוצעריי,
4) וועש-אַרבייט,
5) אָנדולאַציע,
6) מאַניקור.

דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג פון 9—1 נאַכמיטאָג.

„SANATO"

כירורגיש-ווענערישע-אַנשטאַלט

אַגראַראָווא 10, טעל. 57-213

1-טע און 2-טע קלאַס

גינעקאָלאָגיש-ווענערישע-אָפּטיילונג

ד"ר מעד. ש. אייגער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מעד רייטלער-סוריאַנסקאַ ד"ר מעד. וו. אייכנער

פּרייז פון א געבורט אין 2-טען קלאַס צוזאַמען מיט פערהיטונגס-מיטלען

200 זל.

אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פּאַלאַטאָוו כירורגישע אָפּטיילונג פון ד"ר מעד. מ. קאַנטאָר עמפּפאַנגס-שעה'ן פון 1 ביז 2 נאַכמיטאָג. אויגען-אָפּטיילונג פון ד"ר מעד. י. קראַוש עמפּפאַנגס-שעה'ן פון 11 ביז 12 נאַכמיטאָג.

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אָפּעראַציע, אהן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיסונג פאַר קראַנקע אויף קילעס פאַר מענער ווייבער און קינדער. פערשידענע קאַליקעס אין ג. פאַר הויקערס און פיס

פּערלאָזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראָך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאָפּ, אָדער אזוי ווי א וואַסער-קאַן און עס פאַלט אַריין אין דעם בויך און דער קראַנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראַנדיג און שטאַרבט. ספּעציעל גוטע הייל-באַנדאַזשען אויסגעצייכנט גוט דורך גרויסע פּראָפעסאָרן מיט מיינע בע-האַנדלונג און דימטשן פּראָפעסאָר

דאָקטאָר בראָכורעוויינג בעזונדערן זיכער דעם שווערסטן און געפעהרליכסטן בראָך. אויך פאַר הויקערס דיהנונגען מיט הייל-קאָרסעטן און אָפּאַראַטן פאַר פערקרומטע פיס און פלאַטס-פוס ספּעציעלע אייזלאַגן אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענט, גומענע זאָקען פאַר די גרעסטע קראַנקע אָדערן. עמפּפאַנגט פון 9 ביז 1 בייטאָג און פון 3 ביז 7 אין אָווענד.

אָרטאָפּעדישע אַנשטאַלט

Specialist J. RAPAPORT Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאָס פערזענליכע ערשיינען פון די קראַנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניווערזיטעטס-פּראָפעסאָרען: פּראָפ. ד"ר באַראַנוש, פּראָפ. דר. י. מאַרישלער, פּראָפ. ד"ר בר. קיעלאַנאָווסקי און אויך אנדערע.

מיר נעהמען אויך אן סערטיפיקאַטן פון דער קראַנקען-קאַסע,

דאַנקזאָגונג.

דעם נעקהרטען ה' דיר. י. ראַפּאַפּאָרט, ספּעצ. פאַר ברוך-לידענדע אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 29, פּראָנט 2. שטאָק, פאַר דער גיכער אינטערעסאַנטער הילף און רעטען מיך דעם ערשטען טאָג ראש השנה פון דעם שווערען און טויט-ברענגענדען לעבען געפעהרליכען ברוך, פאַר דעם וויסע שמאַס-ליכען אַנלעגען מיר דעם באַנדאַזש פון זיין מעטאָדע דאַנק איך אויף דעם וועג העצליך און עמפּפעהל איהם דאָרט פאַר אַלע ברוך-לידענדע.

Dr. M. Minzer, N. lekarz kolejowy K. Chorych.

BORIS SOKOLOWER

BANKGESCHÄFT

DANZIG, Langemarkt Nr. 35

tel. 265-30. Telegr. Adr.: Interna.

אויספיהרונג פון אַלערליי באַנק-טראַנזאַקציעס שנעלע ערלעדיגונג פון זאַמעל. אינקאַסאָ'ס אויף גינסטיגע בעדינגונגען.

אַנאָנסען-פּרייזן: פאַר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ער"ב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפּאַלטען

אין טעקסט—40	60—	4	
נאָכ'ן טעקסט—12	18—	8	

פאַר א מילימעטער-שורה: מינימום דער שטאָט 50 פּרעצ. טייערער. אויסל. 100 פּרעצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א וואָרט

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: אין לאָדז — 5 זל. א חודש מיט צוטראָגען א היים; אויף דער פּראָווינץ 6—6 א חודש; אין אויסלאַנד — 8 זל.

פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען פון די אַנאָנסען איז דער פערלאַג נישט פאַראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.